STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04927

# DI AVANTURES FUN HAVER HAMERL

M. Granitstein

*Permanent preservation of this book was made possible
by Teddie Smokler
in memory of
her son, Philip Benjamin Martin*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראַניטשטיין

# די אוואַנטורעס פון חבר האַמערל

נאָוועלע

בוענאָס איירעס 1934

# ביכער פון משה גראניטשטיין:

## פּאָעזיע

שטאַפּלען, לידער און געזאַנגען

## פּובליציסטיק

פון תחום צו תחום, זכרונות און באַטראַכטונגען איבערן שטעטל

## דערציילונגען און נאָוועלן

וואָס האָט געוואָלט פרוי גאַסטער?

פון ביידע זייטן בריק

די אַוואַנטורעס פון חבר האַמער

## בילדער פון אַפּגייענדיקן שטעטל

ערשטער טייל — דאָס שטעטל רעדט

צווייטער טייל — הינטער פאַרמויערטע ווענט (אין מאַנוסקריפּט)

# די וואַנטורעס פֿון
# חבר האמערל

## האַמערל קומט קיין אַרגענטינע און שטעלט די ערשטע טריט

האַמערל איז אָפּטמאָל געווען פאַר חברים שרייבער די טעמע פון רייִדן, באַ יעדער יאָ־אָדער־נישט געלעגנהייט. מע האָט נישט פאַרשטאַנען זיינע געגנג מיט מענטשן און מע האָט עס כסדר געהאַלטן אין איין טייטשן. אַליין אַ יונגערמאַן, באַ די קאַרגע צוואַנציק יאָר, נאָך אַ אינגל, איז ער אַראָפּגעקומען פון זיין שטעטל דאָרט, אין פוילן, אַהערצו ערשט פאַראַיאָרן, באַלד צוגעטראָטן צו פאַרעפנטלעכן, אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, גרעסערע און קלענערע דערציילונגען און באַקומען אַ שטיקל נאָמען, — האָט ער געהאַט אַ גרונט, דאַכט זיך, צו פאַרבלייבן צופרידן. אַגב, מע האָט קיינמאָל נישט געהערט, דאָס ער זאָל האָבן וואָסערע נישט איז שטערונגען מצד די רעדאַקטאָרן פון די זשורנאַלן, אַפילו נישט פון יענע, וואָס האָבן געפאָדערט באַם שרייבער דורכוים לאָקאַלן שטייגער. געווים האָבן אַנדערע חברים אַפולע געליטן דערפון: אָדער מחמת דעם, וואָס זיי זענען געווען איבערגעלאָדן מיט גאַנצע בערג איינדרוקן פון דער אַלטער היים, וועלכע האָט זיי מיטבאַגלייט אַזש ביז אַהערצו; אָדער זיי האָבן זי, די היים, מחמת עפּעס, בכלל ערשט דאָ דערזען, צום ערשטן מאָל, — און דאָס האָט זיי געשטערט, במילא, אויפצונעמען דאָס נייע, וואָס שלאָגט זיי אַצינד אין צורה אַריין. אַנדערע, ווידער, האָבן סתם נישט געפונען פאַר נויטיק אויסצעוואָרצלען פון זיך דעם אינהאַלט פון וועלכע עטלעכע צענדליק יאָר לעבן פון דער היים און, אויסגעליידיקטע, ערשט גענומען זיך דאָ אָנצופילן איבעראַניים. זיי האָבן עס באַטראַכט פאַר זיך, אַלס שעדלעך און, בכלל, פאַר אוממעגלעך און נוצלאָז. זיי זענען געגאַנגען מיט דעם געדאַנק, אַז אַלץ מוז קומען פון זיך אַליין. זיי האָבן געגלויבט, אַז דורך אַרבעט און אָנשטרענגונג וועלן זיי, ענדלעך, דערגיין צו דער האַרמאָניע אין זיך פון די צוויי מינים לעבנס — דעם אַלט־היימישן און דעם נייעם — זיי ביידע וועלן זיך פאַרמישן, אַריינפלעכטן איינס אין ס'אַנדערע און אַרויסברענגען, במילא, דעם סינטעז, אָט דאָס, וואָס זיי באַדאַרפן, אייגנטלעך, צו האָבן אַף צו זיין, אין זייער שאַפן, געטריי צו זיך און, במילא שוין, צו דעם גאַנצן אַרום.

אנדערש אָבער איז געווען מיט האמערלען. צי מחמת דעם, וואָס ער האָט זיך אראָפּגעכאַפּט אהערצו זעער יונג, האָט די היים נישט גע־זאָלט, דאַריבער, לאָזן אין אים קיין טיפן שפור, צי איבער עפּעס אַנ־דערש, — אָבער ער האָט זיך גלייך אריינגעשניטן אינעם אַרטיקן קאָלאָ־ריט, גענומען דרינגען אין אים און אומגיין אינצווישן, ווי אַ אייגענער.

— מע דאַרף עס קאָנען! — האָבן חברים איבערגערעדט צווישן זיך מיט שמייכל־ביטערניש — אַלץ פאַרבויגן און זיך אַראָפּלאָזן ביז צו דער רויער קאַפּיע. איז — אַזאַ טעם האָט עס טאַקע...

—מיט אים איז עס נאָך אַ האַלבע צרה. ער איז יונג. וואָס ער זאָל נישט שרייבן, אַפילו פונדערהיים, וואָלט עס, סיי ווי, ווייטער פון אויבנ־אויפיקן באַנעמען אַ זאַך נישט געגאַנגען. אָבער דאָס, וואָס ח' לעווין, פון די „האָריזאָנטן", גיט אים נאָך אונטער מוט און צייגט אים פאָר אַנ־דערע, ווי אַ מוסטער... עס איז דאָך רעכט צו זאָגן, אַז ס'וועט אים אוועק־האַרגענען, האַמערלען, אין גאָר אַ קורץ שטיקל צייט! אָ, יעדער שטעקן האָט צוויי עקן . . .

—ס'איז נאַטירלעך און פשוט: כל זמן האַמערל איז נאָך גרין, ערשט אַ יאָר מיט עפּעס אין לאַנד, וואַרפט זיך אים נאָך דער טומלדיקער שטייַ־גער־לעבן פון דער גרויסער שטאָט אין די אויגן אַריין, עס באַרוישט אים אויבעט, און ער מיינט, אַז דאָס האָט אים די הייליקע מוזע באַהערשט... ווייל, אינדעראמתן: — וואו האָט ער אַזעלכעס געזען — באַ זיך אין שטעטל דאָרט, וואו דער קהלעשער באָק קראַצט נאָך, עד היום, אָן דעם רוקן אָנעם גאַניקשפּיץ פון דער וויזבערשער שיל? — איז אים טאַקע גוט צינד און וואויל. ער ווייסט אַליין נישט, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער זעט, הויבט ער נישט אָן צו באַנעמען אַפילו, נישט ער וואַקסט אַריין אין דעם. ס'וועט דאָך אָבער קומען דער טאָג, ווען ער וועט ווערן אָפּגעטעמפּט צו דעם גאַנצן אַרום; יענער וועט אים נישט רייצן מער; ער וועט אויפהערן הערן און זעען אַפילו, וואָס אונטער זיין נאָז קומט פאָר, — פון וואָס־זשע וועט ער דאַן שרייבן? — סיידן ס'וועט נעמען אויפגיין אין אים די אַלטע היים? זי וועט אָנקלאַפּן אָן זיין טיר, אַ שטילע, אַ באַשיידענע. ער, אין זיין עלנטקייט, וועט זיך מוזן מיט איר דערפרייען, אויב ער וועט נישט וועלן פאַרשטיינט ווערן אינגאַנצן. אָבער — ער וועט ערשט מוזן אָנפאַנ־גען פונאָנהויב. ווי שווער דאָס וועט זיין פאַר אים!

יאָ. אָבער ווער דאַרף עס אַריינטראַכטן אַזויפיל וועגן יענעם, און מכוח דעם גאָך, וואָס וועט ערשט פּאַסירן באַ אים, מיט דער צייט. דאָס אומ־

פֿאַרשטענדלעכע באַשטייט דאָך אָבער אין דעם, וואָס האַמערלס פּנים דריקט עפּעס אויס אַ דערשלאָגנקייט; און די ברוינע אויגן — אויב נישט גאָר אַ פּלוצלעכן איבערשרעק פֿאַר עפּעס — און דאָס געשעעט גראַדע דאַן, ווען אַלץ אַרום איז אַזוי קלאָר!

נו, ער איז נאָך יונג. מיט דעם טאַקע דאַרף דערקלערט ווערן זייער אַ סאַך פֿון זיינע באַזונדערע גענג אויבעט. ער פֿאַרמאָגט טעמפּעראַמענט, איז גאַנץ אָפּט גאָר שטאַרק לוסטיק, זינגט מיטן פֿולן מויל, אַזוי אינגליש פֿריילעך און לעבעדיק. ער דענקט וועגן זיך אויפֿן קול זייער גרויס און ער פֿאַרשפּרעכט נאָך אַמאָל אַ טרייסל טאָן די זיילן פֿון די איינגעפֿונדעווועטע ליטעראַרישע פּאַלאַצן דאָ, (ער כאַפּט זיך ווען אַרוים מיט אַ פּאַטעטיש וואָרט.) אַז ס'וועט טרעשטשענען! אויף זייער אָרט, אויף די חורבות, וועט ער שטעלן, בויען נייע ראַזעווע היכלות!

אַז מע הערט האַמערלען ריידן, דאַרף מען זיך נישט מאַכן דערפֿון קיין גרויסן וועזן. די יונגנט שוימט, איז גוט אַזוי. מיט אים געשעעט אָבער פּלוצים עפּעס אַנדערש. ער רייסט איבער אינעם ריידן אויף אַ ווײַלע, ווערט ווי צעמישט, צעטומלט, פֿאַרהאַקט זיך, ווי בלייבנדיק שטיין, אַ צעשראָ־קענער, פֿאַר עפּעס אַן אָפּגרונט, און... ער נעמט זיך אומקערן צום אָנ־הייב פֿון גאַנצן געשפּרעך... איז — פֿריער מאַכט ער עס פֿאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט געכאַפּט אַ בליק אויף אַ הינטער, ווי ער וואָלט נאָך געשפּירט די פֿאָלגן פֿון זיין נאָר וואָס צו שטאַרקן צעגאַלאָפּירן זיך. אָבער, וואָס אַ ווײַלע, צעברענט ער זיך איבעראַנייס אין דער ליידנשאַפֿט פֿון שוימיקן ריידן, אַז מע זעט שוין, ווי ער זעט שוין נישט גאָרנישט, און אַז אָט באַלד וועט ער ווידער, מיטן גאַנצן אימפּעט, אַרויפֿשפּרינגען אויפֿן פֿינצ־טערן גרונט, וואָס האָט זיך איינמאָל אים אַוועקגעלייגט אויף איינמיטן וועג גלייך און לאָזט אים נישט איבערטרעטן איבער זיך, אַז ער זאָל קענען אַ שפּאַן טאָן פֿאָרויס — —

נישט תמיד איז אָבער מיט האמערלען אַלציינס, ס׳מיינט צו זאָגן, אַז נישט שטענדיק מאַכט ער אָן ארום זיך טומל. ס׳קומען אַף אים אָן טעג פון רואיקייט אויך. די טעג מעגן זיך אַריינציען אין לאַנגע וואָכן אפילו. ער גייט דאָך תמיד אום פיין אָנגעטאָן און אָפּגעגלעט; ער איז אַ שטאַרקער מדקדק אַף טואַלעט-ענינים, שיר נישט ווי אַ מיידל. ער האָט זיך אַף דעם זיינע אויסרעכענונגען. ווידער, איז עס אַוודע נישט קיינעמס דאגה! ער פאַרדינט נישקשה בא לערעריי, האָט ער דאָס רעכט זיך צו פאַרגינען. נאָך אַלעמען, איז עס טאַקע שיין אויך, ווען דו וואַרפסט אַ בליק אַף זיך אין שפּיגל און דו זעסט זיך אין אָרדענונג. מע קען גאָר דאַן יענעם קוקן גלייך אין די אויגן אַריין — מעג יענער זיין, וואָר ער וויל זיך — און בא זיך נישט אַראָפּפאַלן. ער האָט עס נאָך ליב געהאַט אינדערהיים אויך. — און זאָל מען נישט מיינען, אַז ס׳איז נישט געווען דאָרט פאַר וועמען צו פוצן זיך. גראַדע יאָ געווען. אלא נישט מער, וואָס דער טאַטע איז שטענדיק געווען אַ אָרעמאַן אַף אים האָט מען זיך לגמרי נישט אומגעקוקט. ער האָט שרעקלעך דערפון געליטן, דערעיקרשט אין איין מאָמענט אַ באַשטימטן, ווען ער האָט געמיינט, אַז ס׳עקט זיך אַלץ... ער באַנעמט עס גאָר אַליין נישט —

איצט נעמט ער אָפּ אין יענער צייט אַ נקמה. ער מעג זיך זיין אָרעם, ווי געווען. אין שטעטל ווייסט מען אָבער וועגן אים אַקוראַט דאָס פאַרקערטע. ווי ס׳זאָל נישט זיין מיט אים דאָ, אָבער אַלע חודש ווערט אַוועקגעשיקט אַ סומע צו די עלטערן. זאָל מען וויסן — און דערעיקרשט, ווער עס דאַרף און עס אַרט יענעם, — אַז האמערל לעבט און אַרבעט, פאַרדינט און איז באַרימט. זאָל מען אפילו זעען זיין בילד, דאָס צוגעשיקטע און דרינגען פון זיין אַראָפּגלאַנצן דערפון, אַז אַף זיך פאַרשווענדט ער אויך אַ שפּאַר ביסל! עס לעבט האמערל אין אַרגענטינע, כע-ע-ע...
און ער וויל וויסן פון אַ לעבן אויך!

ה א מ ע ר ל האָט אַ טבע, אַז ווען ער גייט מיט אַ חבר אין גאַס, שטופּט ער אים פון זיך. עס ווערט שווער

צו גיין מיט אים צוזאמען, אקוראט ווי ער וואלט געזעגן פאר זיך אומעטום לײדיקן חלל, עס זענען פריי פאר אים אלע וועגן, ער זעט נישט אינגערגעץ קיין שטערונגען. זאל ער עס זיין בלינד, צי וואס? אדער — אפשר פארקערט? — זאל עס הייסן, אז ער איז אף אזויפיל פארדרייט מיט זיך דארטן אינעווייניק, מיט עפעס א מין שפירונג פון עפעס־א מערקווירדיקס, וואס פארשטעלט פאר אים די שיין און האלט, אין א טיפלשראפינירט פארדריקט פויסטל, אזוי פארקניפט אלע זייגע אינגעווײדן, אז עס מאכט אים זיך שטענדיק קארטשענען פון פיין, ארויסדריקנדיק פון זיינע זאפטיקע רוי־ערד שיכטן עפעס א מין זעאונג פון אן איינמאל געשעענס בא אים, פאסירטס, וואס לעבט און וואקסט אין אים און איז כסדר טויט־הונגעריק, עס וויל פרעסן — צו אלע הונדערט טייוואלים!.. —

ווייל עס נעמט שוין איבערגיין אלע גרעניצן, ס׳הייסט, דאס נישט זעען זיינס קיינעם נישט !

---

צווישן חברים שרייבער האט זיך האמערל אויסגעזוכט פרוכנערן פאר א נאענטערן, וואס גלייכט אים, ראשית, אין די יארן: פרוכנער איז אראפגעקומען אהערצו, אויך בא די צוואנציק. אבער — מער נישט. פרוכנער איז אפילו אויך א לאקאל־שטייגערניק א דורכאויסיקער — דערפאר טאקע זאל עס אים האמערל האבן געהאט דערנעענטערט צו זיך... אבער, ווי ווייט איז עס באמת דער מהלך צווישן זיי ביידן. פרוכנער איז בטבע — נישט אריינרעכענענדיק דעם יוגנט־רויש, מחמת די יארן — זעער א געלאסענער, א כמעט־צוריקגעהאלטענער פון סתם איבערגעאיילטקייטן. זיין גאנג איז א במנוחהדיקער; זיין ריידן און טאן א זאך—דאסגלייכן,— הגם דאס אלץ קומט ארויס בא אים שוין גארנישט פארשלאפן, אבער — ווי געצווימט פון א אינערלעכער זיכערקייט, וואס גיט אים דאס רעכט נישט צו איילן זיך און האבן צייט. אין זיין בלאנד־ווינקלדיק פנים זעט מען נישט מער, ווי פעלזיקע אפגעשלאסנקייט, נאך זעער ווייט פון צו זיין רייף און אויסגעוואקסן. בלויז אמאל, ווען פרוכנער צערעדט זיך, זיין פעלזן־ארטיק פנים נעמט זיך באוועגן און רודערן, גיט אויך א שלאג אויף א פינקל אינעם בלויעם אויג און — אלץ גייט איבער. מיט אים איז עס אויך צוגעגאנגען אנדערש מיטן שרייבן. ער איז אראפגעקומען אהערצו פון א גרויסער שטאט אין דער ליטע. ס׳איז שוין פאר אים, אייגנטלעך, אט די פרעמד־טומלדיקייט נישט געווען קיין איבערראשונג. נישט מער, א נײי מקום, צייט איז דא לרוב, דארף מען זיך צוקוקן, אבער — אף

אַ פּאַרוואָס. ער האָט געזוכט אַרבעט, זיך אויסגעלערנט אַ מלאָכה, אויב נישט קירזנערײַ, און אָנגעהויבן אַרבעטן ערגעץ, אין אַ גרויסן טאַזשער. איז, ווי זאָגט מען דאָס — יונג איז מען, עס שוימט דאָס בלוט, און מע איז עלנט, — און ער האָט זיך איבערגעגעבן אינגלשע געוואַגטקייטן און אַוואַנטורעס.

פּרוכנער האָט אַזוי געחלומט דאָן פון צו ווערן אַ שרייבער, ווי גאָר־נישט. דער יונגער פעלז, וואָס איז אויסגעוואַקסן ערגעץ, אין אַ גרויס־שטאָטישער הינטער־גאַס, האָט זיך ערשט רעכט גענומען דאָ צעוואַרעמען, אונטער די גליאיקע שטראַלן פון דער מעבר־לימישער דרום־לענדישער זון. ער איז אַרויסגעפאַלן פון טאַזשער איבער עפּעס, האָט ער שוין כמעט נישט געזוכט אָנצוקומען ווידער אַף אַרבעט, זיך געגליטשט און איבער־געוואָרפן געוואָרן פון איין סאָרט אַרבעט צו דער צווייטער, אויסגעפאָרן אין אַרגענטינע אַליין אַ וועלט. אומעטום, וואו דער שטיין איז געבליבן ליגן אַ מאָמענט, האָט זיך עפּעס צו אים צוגעקלעבט, צוגעוואַקסן, ער אַליין — נישט אָנהויבנדיק צו וויסן דערפון. ער איז נאָך דאַמאָלס גע־ווען יונג; ס'האָט זיך כסדר געמאַכט אַזוי, אַז דער סענט איז נישט אויס־געגאַנגען פון טאַש; איז, אַפילו פאַר זיין האַרטן כאַראַקטער, האָט ער זיך נאָך נישט געקענט אַזוי לייכט אָפּפּאַרטיקן מיטן היים-סענטימענט. ער האָט אַריבערגעשיקט, פון צייט צו צייט, אַהיים גרעסערע און קלע־נערע סכומים. ס'האָט געזאָלט הייסן אַ העלדישקייט אַזאַ פון אַ יאַט, וואָס האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אַהערצו — אַ צאַציק נאָך, טוט, דאַכט זיך, גאָרנישט, פאַרגינט זיך אַליין און שיקט נאָך אַהיים אויך.

אַז פּרוכנער איז, נאָך עטלעכע יאָר אומוואַנדערן, ווידעראַמאָל אַרי־בערגעוואָרפן געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט ב. איירעס, איז ער שוין געווען אַ ביסל מידלעך און בייז. אַוועק שוין דאָס גוטע. שלעכטע טעג זע־נען געקומען. פּרוכנער — אָן אַרבעט, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָפּגעצערט פון כוחות-פאַרשווענדן. נישט איין נאַכט האָט ער צוגעבראַכט אַף פּלאַ־צעס, פיל טעג שטאַרק געהונגערט. זיין שטייפע אָפּגעשלאָסענע נאַ־טור האָט אים געהאָט געלערנט אויפצופּאַסן אויך אַף זיין אויסערלעכקייט, אַז זי זאָל זיין פיין, נישט אויסטיילן זיך, ווי ווייט מעגלעך, פון אָרומי־קע. ער האָט כמעט ווי געהערט אין זיך די שטים, וואָס זאָגט אים: — זיי, ווי אַלע! — ווייל קליידער, צו אַלדע טייוול, געבן דאָך אַמאָל אויס אַ מענטשן. מע קנייטשט אַריין אין זיי די אַלע קנייטשן פון אַרבעט, פון טאָן. זיי ווערן ווי צוזאַמענגעוואַקסן מיט איינעם, צייגן אים, אַקוראַט

ווי דאָס פּנים, דאָס לשון. דאָ, באַ די שלעכטע טעג אין דער גרויסער שטאָט, האָט שוין פּרוכנער אַפילו די קלייניקייט נישט געקאָנט באַוואָרע־נען. די קליידער, אַפילו, האָבן באַקומען לשון. די גליאַיקע אַרגענטינער זון האָט דעם יונגן פּעלז נישט באַוויזן צוצעשמעלצן. די גאַס־רעגנס פון די שווערע כמורנע הימלען פון דער גרויסער שטאָט האָבן אים גענומען שווענקען אומדערבאַרעמדיק, פאַרגראָבן זיך אין טיף־געמאַכטע שפּאַלטן, פרישלען אים, ברעקלען. דער יונג האָט זיך געגומען אַטשוכען...

פון זוכן אַרבעט אין דער אַוויסאַ פון דער צייטונג, האָט פּרוכנער זי בלויז געדאַרפט איבערדרייען אויף אַ צווייטער זייט און נעמען עפּעס לייענען. ער לייענט און שטויסט זיך אָן אויף אַזעלכע פאַלן, וואָס ער אַליין האָט בייגעלעבט, צי אין וואַנדער איבער דער פּראָווינץ, צי אין וואַנדער־נעכט דאָ שוין, אין דער גרויסער שטאָט, — וואָס זאָל דאָס אַלץ באַטייטן?..

ח' לעווין, רעדאַקטאָר פון די „האָריזאָנטן“, האָט באַטראַכט דעם רויען יונג, געשמייכלט מיטן גאַנצן פּנים, אַזש מע האָט די אויגן נישט אַרויסגעזען, בלויז די נעץ פון קנייטשן האָט געטאַנצט אַרום זיי און גע־ציטערט; ער האָט זיך אַ ביסל אונטערגעהויבן אינעם פאָטעל, ווען ער האָט גערעדט צום יונגערמאַן:

— ח' פּרוכנער, שרייבט! איר זענט פאַר אונז זעער געוואונטשן. איר האָט אַ אויג...

וואָס צו ריידן צום יונג מער איז נישט געווען. פּרוכנער האָט גאָר־נישט פאַרשטאַנען, פאַרלאָזן דאָס צימער. אויף צו מאָרגנס האָט ער גע־לייענט זיין באַשרייבונג, אַ ביסל געענדערט, אינעם זשורנאַל, און עפּעס האָט אים יאָ אַ ברי געטאָן ערגעץ אינעווייניק. ער האָט ווייטער גע־שריבן, ח' לעווין האָט איבערגענוצעוועט און געדרוקט מיט חשק. אַלץ איז, דאַכט זיך, רוי — האָט לעווין געטענהט פאַר חברים — אָבער שאַרף, קרעפטיק איז עס. דער יונג האָט חוש פאַרן היגן שטייגער, ער זאָגט צו. דאָס זאָל זיין, אייגנטלעך, דערפאַר, וואָס ער קומט פון גאַס, סיי אינ־דערהיים באַ זיך, סיי דאָ. גאַס איז אומעטום אַלצאיינס, כ'מיין צו זאָ־גן, אַז מאַסן האָבן אומעטום שטאַרקע באַריר־פּונקטן — —

---

אַז האַמערל האָט זיך צוגעשאַרט צו פּרוכנערן, איז עס נישט גע־ווען אומזיסט. האַמערל, ווי בלינד ער זאָל נישט האָבן געווען זיין, האָט ער, גליכצייטיק, געהאַט שכל פאַר זיך. ס'האָט אים זיכער געלוינט, האָט ער צוגעוואָרפן פּרוכנערן, פון צייט צו צייט, אַ חניפהלע. פּרוכנער איז

געוועו אף צרות, איז נישט קיין אומגליק, אז א חבר, וואס פארדינט, זאל צאלן אמאל עפעס. ער ווארט גארנישט, האמערל, אז מע זאל עס אים זאגן, ער פארשטייט עס אליין — עס קען און עס דארף גאר אנדערש נישט זיין. בכלל איז האמערל נישט קיין מדקדק אין סענטן. אבער אז ער מיט פרוכנערן גלייכן זיך, דאס זעט דאך, אפילו, פרוכנער אליין, — שמייבלט האמערל, ווי צו א יונגערן ברודער פון זיך, — מע דארף נאר ארבעטן, פרוכנער, ארבעטן א סאך און, דערעיקרשט, זיך נעמען צו גרעסערע זאכן. אז ראמאנען, איז וואס? מע האט נישט געפרואווט, מיינט מען, כ'ווייס וואס! נישטא קיין מלאכים, אומעטום מענטשן. און אז מיר ביידע וועלן זיך א נעם טאן ארבעטן ווי ס'דארף צו זיין, וועט זיך עס א רודער טאן, וועלן מיר זיי ווייזן דארטן, די איבעריקע קוועטשערם און קלאגערם פון דער אלטער היים, וואס עס הייסט אזוינס — ליטעראטור און קונסט — הא, וואס זאגסטו, פרוכנער?

די לעצטע ווערטער פארענדיקט האמערל כמעט מיט תחנונים. עפעס האט אים פרוכנער גענומען באאומרואיקן, דערעיקרשט, מיט זיין שוויי-גן. ווען ער האט גענומען שרייבן, ארויסגעפארן מיט זיין ערשטער סקיצע אין „האריזאנטן", איז האמערל אומגעגאן און געלאכט אין די פויסטן. ווער זאגט עס, אז פון דעם צוציק וועט עפעס ארויסקומען? אז דאס איז רוי און נישט ארומגעשליפן. ער קאן דאך גארנישט, פרוכנער, פונדער-היים א גראבער יונג ארויפגעקומען און דא, אין פארלויף פון דער צייט, גארנישט באוויזן אויסצולערנען, א חוץ דארטן א ביסל גאסן-שפראך גליאמזשענען — ווי קומט ער צו אים? — האמערל האט געהאט דאס פולע רעכט צו פארבלייבן רואיק און שטאלץ אף זיין פאזיציע. ער, וואס האט א מאסע געלייענט, דארף ער זיך נישט קימערן וועגן איינעם דארט, וואס קען קוים דער קאץ אן עק פארבינדן. — אצינד איז עפעס געווארן אנדערש. פרוכנער רעדט נישט, ער שרייבט. מע דרוקט עס אפ, און אנ-דערע ריידן דערפון. מע שטרייכט עס אונטער, מע פרובירט עס, אפילו, פארגלייכן מיט זיינס, האמערלס, הייסט עס, און מע לאזט שוין פאלן אף זיין חשבון דאס ווארט — שונד?! —

האמערל האט זיך גענומען דערנענטערן צו פרוכנערן און אים פאר-וועבן מיט א נעץ פון דינינקע פעדימלעך, קליינינקע טובהלעך, וואס דאר-פן עס האלטן אים, פרוכנערן, אין א געוויסן גראד, געצווימט צו אים מיט עפעס... דאס זענען אבער אלץ קלייניקייטן און, ווען מע איז נישט חושד, אז דאס ווערן זיי געטאן צוליב עפעס, איז דאך נישט מער, ווי-

נאטירלעך, אז זיי ווערן אדורכגעלאזן דורכן האנט. באזונדערס נאך פון פרוכנערן האט מען עס א סאך געקענט פארלאנגען! יענער איז נאך געווען יונג, פון הארטן שטיין א שטאמיקער, וואס רוקט זיך זעער־פאמעלעך פארויס, אי דאס — מיט דער גאנצער אייגענער שווערקייט. ארעמער האמערל! ער האט אפילו נישט פארשטאנען צו נעמען אין באטראכט פרוכנערס ארומוואנדערן איבער די ארגענטינער פאמפעס, זיין פארנעמען דעם ברייטן שטייגער לעבן פון די איינוואוינער זייערע, — האט ער דאך, א היבשע צייט, געטוישט גרעניצן פון שטעט, שטעטלעך, דערפלעך און פעלדער, מיינס, דיינס — קלייניקייטן ! — ניין. פרוכנער איז אבער רעטזעלהאפט. אז דער יונג וועט זיך אנטוויקלען, ער וועט נעמען וואקסן, וועט ער אים, האמערלען, זיכער פארשפארן, אויב נישט אנדערע אויכעט, אויב נישט אלעמען ! — שטארק וועט זיין זיין שטים, ווי בא די ווילדע חיות פון דער פאמפע; ברייט זיינע לאנדשאפטן; טיף און רעטזעלהאפט זיין בליק ! — האמערל, מאגסט זיך באצייטנס נעמען ריכטן!—

איצט, אפן אוונט, זענען ביידע חברים געגאנגען צוזאמען איבער א ברייטער גאס, וואס האט הילכיק גערוישט פון טראמווייען און אויטאס, נישט געלאזן אויסריידן א ווארט, און דער עטוואס־עלטערער חבר, האמערל, האט געבליקט, מיט לייכטן הארץ־קלעם, אפן עטוואס־יונגערן פון זיך, אף פרוכנערן, אים געקוקט אין מויל אריין, געווארט צו הערן פון אים עפעס א ווארט, וואס זאל אים, דעם צעשראקענעם האמערלען, בארואיקן. פון פרוכנערן אבער ווערסטו גארנישט הערן. ער גייט און שוויגט. האמערל ווייסט, אז יענער טראכט עפעס; ער ווייסט אויך — וואס. נאך אלעמען, איז פרוכנער, פראסט־פשוט, א פאסקודניאק, און ער, האמערל, פארשטייט נישט, וואס ער האט זיך דא ארייננגעלאזן מיט אים אין אזעלכע ווייטע מחזקות: — א יונג א סמארק! — און ער האט עס געמאכט פון אים א גאנצן וועזן, גייט מיט אים, טענהט איין און זוכט רק בא אים אנערקענונג! — וואס איז ער שוין אזוי געפאלן בא זיך? — דאס, זעט איר, איז גראדע יא אמת, אז ער, האמערל, האט א לאנגן צונג, קען נישט האלטן קיין סוד. ווען, א שטייגער, גייט עס אן זיין פריוואט לעבן, וואס ער טוט דארטן, בא זיך אינדערהיים? ניין. דארף עס אים דער רוח אנטראגן, עפעס אין א מאמענט פון אידיאטישער שוואכקייט און צונגאויפגעבונדנקייט, צו נעמען און אויספלוידערן — זע נאר, פאר וועמען — פאר דעם ביטערן גארנישטל, אז ער האט זיך געסניוכעט דארטן, אינעם האטעל, וואו ער וואוינט, מיטן דינסטמיידל, א יונג שיקסל, זעער א

שיינס... ער אַליין האָט זיך גאָרנישט געריכט דאַרויף. ווען ער האָט זיך אַריינגעקליבן, פּלעגט ער, אַלע אינדערפרי, אויפשטיין, אַוועק צו דער אַרבעט און, אַהיימקומענדיק באַטאָג, טרעפן דאָס צימער אויפגערוימט. געטאָן האָט עס די דינסט. ווער זשע איז זי? דאַרף מען דאָך די זאַך דערגיין! איינמאָל האָט ער איר געטראָפן באַ זיך אין צימער אויפראַמען. יונג, שיין — זאָלסט איר זען! אַ פּאָר פּיס, הענט, ציצן, ברודער — אַ מחיה! — עס נעמט אים שלאָגן דאָס האַרץ. זי האָט אים דערמאָנט אין עפּעס... פּרואווט ער פאַרפירן מיט איר אַ רייד, פאַרזיכטיק, פון דעם, יענעם — עס גייט. זי שמייכלט און קוקט צו אים ליבלעך, אַ פאַרגעניגן. ער האָט איר פאַרשפּראָכן צו ברענגען, אַף צו מאָרגנס, אַ פּאָר זיידענע זאָקן, שאָקאָלאַד... האָט ער זיך גאָר אַליין נישט געריכט דאַרויף, אַז ס'וועט צוגיין אַזוי גלאַט. אין לעבן געשעט עפּעס אַלץ אַזוי פּשוט, אייננפאַך. זי האָט אים בלויז געבעטן, ער זאָל, אַף אַ ווײַלע, צושליסן די טיר, און... ער זאָל עס מאַכן גיכער — די באַלעבאָסטע קאָן איר, יעדע ווײַלע, אַ רוף טאָן... אַלע גלידער האָבן אים גענומען צאַפּלען. אַ וויטיק אַ לאַנגפאַרטעמפּטער, אַ פאַרשטיינערטער, אַ שפּיצעכיקער, וואָס האָט זיך, אַ, שוין מיט יאָרן צוריק, אַזוי ברוטאַל און פאַראיינמאָל ווי אַליין זיך אַריינגעשליידערט אין זיין אָרעם האַרץ אַריין, עס צעשפּאַלטן אַף דער העלפט, געלאָזן אינדערמיט אַן אָפּגרונט און נישט אויפגעהערט אים צו דריקן און שטיקן, — זאָל עס איצט האָבן געשלאָגן דאָס גליקלעכע וואונדער? — עס פאַרשווינדט אַלץ, עס לאָזן נאָך די פּלאָגן... אַ זיסקייט אַ נישט-אויסדריקלעכע, אַ כוואַליעדיקע שוימט אויף אין אים און שלעפּט אים ערגעץ אַוועק . . .

— זיסע, טייערע... מאַריע... כואַנע... — ציט עס אים צו איר און ער פאַלט איבערן בעטל.

ער האָט דערוואַכט פונעם קוש, וואָס זי האָט אים געגעבן און געגלעט זיינע האָר. אָבער זי מוז שוין איילן, ווייל די באַלעבאָסטע רופט איר. — און ער איז אַליין געבליבן ליגן, אַ צעחושטער, אויפגעבראָסטעטער, אַ לענגערע צייט — —

אַזעלכע אינטימע זאַכן דערציילט מען פאַר קיינעם נישט, אפילו נישט פאַר קיין שוועסטער, פאַר אַ אייגענער מאַמען אויך נישט. בפרט נאָך, אַז כואַנע איז געוואָרן אינגאַנצן זיינע; זי האָט אים געשוואוירן, אַז פון זינט זי איז מיט אים, האָט זי נישט צו טאָן מיט קיינעם. בפרט נאָך, אַז זי, כואַנע, איז אים געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז זי האָט צודערלאַנגט צו די

טיפסטע ווייטיקן פון זיין צעריסן האַרץ און זי פּאַרט זיך, עפּעס אַף אַ אומפאַרשטענדלעכן אופן, מיט אַלץ, וואָס ער האָט אַמאָל דורכגעמאַכט איבערהיים און וואָס האָט אים אַזוי משונהדיק צעהאַרגעט,—פּרואווט זי איצט, אָט דאָס אָרעמע און פּשוטע אַרגענטינער מיידל, אָנצופילן אים מיט זיסער פרייד און אים אויסהיילן פון אַלע שווערע ווייטיקן! — וואָס זשע האָט ער געטאָן, דער אידיאָט, וואָס ער איז נעגאַן און דאָס אַלץ אויסדערציילט פאַר פּרוכנערן? — יענץ, דאָס עיקרדיקע פון זיין לעבן, וואָס האָט אים, אייגנטלעך, פונדערהיים פאַרטריבן אינעם ווייטן עלנ-טן אַרגענטינע, אָט דאָס אַלץ האָט ער יאָ באַוויזן צו פאַרדריקן אין זיך, במשך פון יאָרן אפילו. בלויז אַמאָל, אין אַ דערציילונג, דערלויבט ער זיך צו געבן עפּעס אַ מין אָנדייטונג, אָן אָפּשיין דערפון, — דערשרעקט ער זיך באַלד אַליין פאַרן פּלוצים־אָנגערירטן, וואָס נעמט אים באַרויש און ציען, ווי אין אַ שוואַרץ־צעשטורעמטן כאָאָס אַריין; האַקט ער אָפּ אינדערמיט און נעמט ווארטן, מיט מודאָ, ביז אַלץ אין אים וועט זיך איינ־שטילן.—אַצינד אָבער, גלייך נאָכדעם, ווי ער האָט אַלץ אויפגעדעקט פאַר פּרוכנערן, האָט ער גלייך שוין אָפּן אָרט דערשפּירט, ווי ער וואָלט עפּעס פאַראיינמאָל אויסגעליידיקט געוואָרן פון אַלץ, אפילו פון יענעם, דעם עיקר־סוד פון זיין שווערער פאַרגאַנגענהייט! — ער האָט אָפּן אָרט דערפילט אַ פּוסטע פּרעמדקייט צו בואָגען אפילו, וואָס איז אים שוין, כמעט ווי נישט אָנגעגאַנגען. ער איז זיך בלויז פאַרגעקומען, ווי עפּעס אַ פאַרשטויסענער, אַ פּרעמדער, אַ פאַרגעסענער, וואָס האָט אַליין נישט געוואוסט, ווי צו שאַצן די פרייד, וואָס דאָס לעבן אַליין האָט אים אונ-טערגעטראָגן, — איז ער געבליבן אינדרויסן, מן הצד, — אַקוראַט ווי אַמאָל איז שוין פאַרגעקומען מיט אים דאָס זעלביקע, — און ער קען זיך שוין, פּונקט ווי דעמאָלט, מאַכן פאַר זיך חשבונות און אויספירונגען, וואָס גייען שוין, בעצם, איצט קיינעם פון די לעבעדיקע נישט אָן.

יאָ. אָבער זיי שטייען שוין איצט ביידע פאַרן האָטעל, וואו ער וואוינט, און פּרוכנער שווייגט נאָך אַלץ און שמייכלט. נו, איז וואָס? וואָס איז דען, באמת, פּרוכנער? נאָך אַלעמען, אַ חבר, גלייך ווי אַלע. פון איין זייט, אַ שרייבער מיט פיל צוזאָג, אַ רויער אפילו, אָפּן מאָמענט. אָבער די צייט וועט אים נאָך היפּשלעך איבערקאָכן. אָט האָט ער אַנו-מלטן דערציילט, איז טאַקע געוועזן, מיט אַן אמת, טראַגיש אויסצוהערן, ווי ער האָט זיך עם אומגעדרייט, אַ גאַנץ קיילעכדיקע נאַכט, אונטערן רעגן און געקלערט, בעת־מעשה, פון די חברים זיינע: . . . שקראַפּיל זיצט

אוואדע איצט איבערגעבויגן איבער זיין טישל און ציט דעם קליי פון הארץ, איבער עפּעס אַ מאַקאַגע פון זיין שטעטל; — אָבער, ער האָט דאָך, מסתמא, דערפון פארגעניגן, וויבאלד ער טוט עס; ווייל קיינער צווינגט אים דאָך נישט דערצו. פון אים, פון האמערלען אליין, האָט ער געטראַכט, אַז ער וואלגערט זיך איצט, געוויס, אין כוּאנעס גליאיקע אָרעמס און שעפּט פארגעניגנס פולע הויפנס... אָבער זיי, האמערל, שקראפּיל און אלע אנדערע, זיי קלערן געוויס נישט איצטער פון אים, פון זיין הינטישער עלנטקייט און פארלאָזנקייט איצנד, אינמיטן דער אומדערבארעמדיקער רעגנדיקער נאַכט פון דער גרויסער אויסגעלאָשענער שטאָט, ווען אפילו די פלאַסע־באַנק, צו אלע אַבציק שווארציאָרן, איז אויך פון אים אוועקגעקומען!.. אָבער, ניין. אָט גייט עמיצער אָן פון פינצטערניש, מיט אַ פאראַסאָל איבערן קאָפּ. (פּאָרט אַ שטיקל דאָך!) מע נעמט זיך דערנענטערן. ס'איז אַזאַ עלנטע צוויג, ווי ער. זי פארהאַלט זיך אַ ווײַלע, ציטערט אויף און לייגט אים פּאָר, ער זאָל איר באַגלייטן ביז צו אַ האָטעל. זי האָט מורא צו גיין אליין אינדערפינצטער... נו, איז, ווי מיינט זי? וואָלט ער געהאַט באַ זיך די פּאָר פּעזעס פאַר דער נאַכט אין האָטעל, וואָלט ער איצט דאָ געשטאַנען, וואָס זשע, און געוואָרט אַף איר? האָט ער דאָך באַדאַרפט פריער וויסן, אַז זי וועט אָנקומען פון ערגעץ און אקוראַט, צו דער צייט פונקט! — אָבער אַף איר איז אים, פונדעסטוועגן, אַ רחמנות. ער איז דאָך נישט קיין קינד שוין, פארשטייט דאָך, אַז נישט פון נחת - ווענן דרייט זיך אום אַ פרוי אליין, אינמיטן נאַכט, אונטער אַ גאַס ־ רעגן. איז, אויב זי וויל, וועט ער איר דינען, מיט וואָס ער קאָן. למשל, מע וועט אריינגיין אין אַ נאַכט-קאַפע, און זי וועט אויסטרינקען, אַף זיין חשבון, אַ גלאָז הייסע מילך, צי עפּעס אַנדערש. אַף דעם די פּאָר סענט פארמאָגט ער נאָך. ער בעט איר טאַקע, אַז זי זאָל אים נישט אָפּזאָגן אין דעם. ס'וואָלט געווען פאַר אים אַ גרויסע באַליידיקונג, דער גרעסטער שפּיי אין פּנים. זי דאַרף דאָך אליין פארשטיין, אַז זיין מצב איז אויך נישט קיין פויגלדיקער. ער איז אַזאַ ארויסגעשטויסענער, אקוראַט ווי זי. טאָ ווער, אַז נישט ביידע זאָלן זיך מיטפּילן איינאַנדער, ווי שוועסטער און ברודער?

און, אין אַ ווײַלע ארום, ווען זיי זענען שוין געזעסן אינעם קאַפע, האָט זי ארונטערגענומען דעם הוט פונעם קאָפּ. האָט ער געזען, אַז זי איז נאָך זייער יונג און שיין אפילו, לויט איר פראָפעסיע. נישט מער, אַ פינצטערקייט האָט זיך צו איר פּנים צוגעקלעפּט און קארבט עס אָן

רחמנות. איז ער, איבעראַניים, צעוואַרעמט געוואָרן פאַר איר אינגאַנ-צן. זיי זענען אַליין איצט אינעם קאָפּ. דער מאָסאָ האָט צוגעדרימלט הינטערן מאַסטראַדאָר. זי האָט געטרונקען די זודיקע מילך מיט קליינע פּאַרזיכטיקע זיפּן. ער האָט אַלץ געהאַלטן אין איין ריידן. זי וועט אים דערלויבן צו זיין איינמאָל אָפנהאַרציק, אפשר דאָס ערשטע מאָל, זינט ער געפינט זיך דאָ, אין אַרגענטינע. און איז׳ן איז ער שוין דאָ היבשע עט-לעכע יאָר, העי? אָנגעקומען אַהער, כמעט אַ קינד, האָט ער אומעטום אָנגעטראָפן פאַלשקייט און באַטרוג, קיין חברים, קיין פריינט. צו איר אָבער, אַצינד, שפּירט ער עפּעס אומבאַגרעניצטן צוטרוי. זאָל זי האָבן דאָס זעלביקע צו אים אויכעט. זי וועט דאָך נאָכגעבן, אַז זי איז אַן אָפּגענאַר-טע, אַ פאַרפּירטע. זי וועט אויך פּרובירן דערלאָזן דעם געדאַנק וועגן דעם, וואָס האָט איר גענאַרט — קען ער, גראָדע איצט, נישט־קימערנדיק זיך אפילו וועגן איר, ליגן ערגעץ, אונטער אַ וואָרעמער קאָלדרע און — וואָס ס׳איז אַמשווידערלעכסטן — מיט אירער אַ שוועסטער אפילו, וואָס ווערט איצט אַזוי גענאַרט, פאַרפּירט, ווי זי אַליין! יאָ. אַזוי איז דאָס לעבן, חברטע, וואָס קען מען מאַכן! — אָבער, אַז זי וועט זיך געבן די מי, וועט זי גלייך איינזעען, אַז מיט אים איז אַקוראַט דאָס אייגענע. זאָל זי אים זאָגן, אדרבה, זי קוקט אַף אים און זעט אים: ער איז יונג, נישט קראַנק, חלילה, און פאַרמאָגט כוחות גענוג אַף צו לעבן און וויסן פון פרייד און גענוס. זאָל זי אים אָבער קוקן גלייך אין די אויגן אריין, זעען זיין נשמה, זיין האַרץ, — וועט זי גלייך זאָגן, אַז ער איז ריין און אָרנטלעך, ער פאַר-דינט צו לעבן, ווי אַ מענטש, און אָטעמען מיט אַלעמען גלייך. הייסט עס, אַז דאָס לעבן גופאָ האָט אים מיט גאַרנישט באַרויבט, אים אַלץ גע-געבן אַף צו נעמען און האָבן. טאָ, זאָל זי אים זאָגן, אדרבה: — וואָס טוט ער דאָ איצט, אינמיטן דער רעגנדיקער נאַכט, אין עלנטן דרויסן? וואו איז זיין בעט, זיין חברטע, זיין דאָך איבערן קאָפּ? ווער האָט עס אים באַרויבט פון דעם אַלעמען, און מיט וואָס פאַר אַ רעכט?

דער יונג האָט אַלץ גערעדט און שוין נישט געזען איר אינגאַנצן פאַר זיך. האָט זיך געדוכט, אַז דאָס פאַרלעגט ער איצטער טענות צו דער אומבאַקאַנטער כלה זיינער, וואָס מוז זיך דאָך ערגעץ געפינען אין לעבן! — זי האָט, דערווייל, געענדיקט דאָס טרינקען, איז זי אויפגעשטאַ-נען פון אָרט, אָנגעטאָן דעם הוט און אים פירגעשלאָגן איר צו באַגלייטן ביז איר היים, נישט ווייט פונדאַנען. ער ווייסט אַליין נישט, פאַרוואָס ער איז איר נאָכגעגאַן ביז צו דער טיר פון איר וואוינונג. ער האָט שוין

אצינד גאָרנישט נערעדט, געהאַלטן זיך אין איין לעשן, אָפּקילן, צוריק פאַרשטייט ווערן. בא דער טיר זענען זיי געבליבן שטיין, ביידע אונטער איין פאַראַסאָל, און געציטערט. מע האָט געקאָנט הערן דייטלעך איבער־דרייען א שליסל אינעם שלאָס, ווי א טיר עפנט זיך. ווידעראַמאָל שטיל. האָט א טיפער זיפץ אריינגעאָטעמט אין דער נאַסער נאַכט־פינצטערקייט. דערנאָך האָט א שאָטן זיך אָפּגעטיילט פון דאָרטן און לאָזט זיך גיין אונ־טערן פריש־באַנייטן ווארעמען נאָס פון די פינצטערע הויכן. ארום איז וויסט און פינצטער — — —

ווען פּרוכנער האָט געענדיקט צו דערציילן אָט דעם עפּיזאָד, האָט די שטים בא אים געציטערט. איצט שטייט ער און שמייכלט. איז, וואָס קען מען מאַכן! ער אַליין, האַמערל, איז סיי ווי אויסגעשפּילט, — טאָ, זאָל זשע די יוגנט וויסן פון א לעבן!

זיי זענען שוין געווען אינעווייניק. פּרוכנער האָט, מיט א לייכט־אויסגעגעבענער נערוויאיִשקייט, ארומגעשפּאַצירט איבערן לוסטריִרטן דיל פונעם צימער. האַמערל איז אוועק צו כּואַנען איר צעווייסן געבן דער־פון, וואָס איר שטייט פאַר די נאַכט. ער איז אפילו נישט איבערגעראַשט געוואָרן דערפון, ווי שנעל זי האָט איינגעוויליקט. זי האָט בלויז געוואָלט וויסן, צי איז דער נייער אזוי שיין, ווי ער...

— פיל שענער, כּואַנע... א שטאַרקער יונג און א הונגעריקער! — האָט ער איר געגלעט די באַקן און געלאַכט — וועסט נישט חרטה האָ־בן — א גוטע נאַכט!

שוין. געשטאָרבן כּואַנע... אַקוראַט, ווי אַמאָל... מאַריע... אָט אזא מענטש איז ער שוין. האָט מיטגעפילט מיט די הונגעריקע און ליידנדיקע. — אָבער, ס'איז דאָך בלויז ביטערער חוזק איבער זיך אַליין, נישט מער! יענע, דאָרטן אינדערהיים, האָט מען בא אים צוגענומען; די איצטיקע גיט ער אַליין אוועק — אָבער, דאָס איז דאָך אַלץ דערפאַר, ווייל ער ווייסט נישט, וויאַרום אויפצוקניפּן זייערע שלייערן און זיי דערבליקן אין זייער נאַקעטער שיין. נישט ער נעמט זיי, נישט זיי גיבן זיך אים. פאַרקערט, אים האָט מאַריע, א פאַרשלייערטע, א פאַרהוילענע, גענומען און אַליין אוועק מיט זיינס א שטיק האַרץ א אויסגעריסנס. ער נעמט שוין שפּירן איבעראַניים דעם אַלטן ווייטיק אומבראָדזשן איבער אים. — ניין. ער איז נאָך נישט קיין פאַרלוירענער. ער וועט זיך ראַנגלען, ער וועט קעמ־פן, ער וועט ווערן געגעזן — עס מוז אזוי זיין! —

ער איז אריין, אף א ווײלע, אין צימער, עפּעס נעמען און גלײך אוועקגיין. דאָס צימער איז געווען לײדיק. פּרוכנער איז אוועק. בלויז זיין שמייכל איז געבליבן הענגען אין דער לופט און געשלאָגן אף אים מיט בלענדעניש... אין אים האָט זיך גענומען מישן. ער האָט קוים פאַרלאָשן די לוז, זיך־אַרויסגעוואָרפן אפן גאַלעגער. שפּעט באַנאַכט האָט ער אירע טריט דערהערט, אַלץ נעענטער. שטום, פאַרביסן מיט די לעצטע כוחות, האָט ער זיך געוועדט. זי האָט אים אַרייננענומען אין אירע הייסע אָרעמס. זי האָט אים באַהערשט —

מיטן טאָג האָט זי דערזען איר פעלער. זי איז, מיט עקל, אויפגעשפּרונגען, אים דערלאַנגט א שפּיי אין פּנים און אַוועק. ביסלעכווייז האָט ער גענומען קומען צו זיך. ער האָט אויפגעשווידערט; באַלד צוזאַמענגעבראָכן, גענומען וויינען; באַלד זיך ווידער באַהערשט. — ניין. ער וויל נישט! ער מוז, דעם זעלביקן פרימאָרגן, אַריבער אין א אַנדער דירה, וויי־טער מיט א סאַך גאַסן. עס הייסט נישט, באַין אופן, קיין רעזיגנאַציע. ער אַנטלויפט נישט. ער וויל בלויז בלייבן מיט זיך אַליין. ער מיינט אַצינד זיך נעמען ערנסט אין די הענט אַריין. ער פאַרלאַנגט פון איטלעכן בלויז איין קלייניקייט — מע זאָל אים לאָזן צורו!

## האמעריל וויל כאפן דעם נעכטיקן טאג, אבער עס לאזט זיך גראדע נישט

אף זיין נייער וואוינונג האט זיך האמעריל, די ערשטע צייט, געפילט גאנץ רואיק. ער האט זיך נישט געזען מיט קיינעם, נישט מיט פרוכנערן, מיט אנדערע אויך נישט, א חוץ אמאל מיט שקראפילן, וואס פלעגט ארויפקומען צו אים ארונטערצורעדן זיך פונעם הארצן. שקראפיל אליין איז געווען אף צרות. א מענטש שוין אין די דרייסיקער, איז ער ארויפגעקומען אהערצו ערשט דא נישט לאנג, געווען נאך שרעקלעך־נאַאיוו און גרין. ער האט אלץ געגלויבט, אז זיין וועג אין דער ליטעראטור איז דער בעסטער, ווייל קיין אנדערער איז דערווייל נישטא און קען אויך אזוי ניך נישט קומען. שקראפיל איז געווען — אזוי האט ער אליין געמיינט — א מענטש מיט קלארקייט, מיט פרינציפן און איז צוגעגאנגען צו דער זאך פון היגער ליטעראטור מיט א סיסטעם, מיט א סדר. ער האט דורכאוים געשריבן פון דער אלטער היים. ער האט זיך אבער נישט באנייגנט דערמיט, וואס ע ר האט געשריבן. ער האט געוואלט האבן, אז אלע זאלן אזוי טאן, ס'הייסט — אים נאכטאן. א שאד נאר, וואס ער האט, מיט א צענדליך יארן, פארשפעטיקט מיטן קומען אהער, קיין ארגענטינע, — וואלט ער דאן געווען איינער פון די ערשטע און ער וואלט געווען געגעבן דעם טאן. ער פארזיכערט עס איצט מיט דער גאנצער אנטשלאסנקייט. אזוי־ווי אבער ער האט שוין פארשפעטיקט, קומט אים אויס אליין צו לידן און, נישט נאר פאר זיך, וואס מע דרוקט אים נישט גערן און מע נעמט נישט אויף זיינע מיינונגען — נאר אויך פאר דער גאנצער ליטעראטור דא, וואס דראפעט זיך אף די גלייכע ווענט, און ער זעט גישט פאר איר קיין פערספעקטיוון. אמת, ער האט שוין דא געטראפן א שיין־צעצווייגטע פעריפעריע; ס'זענען דערשינען פיל ביכער אין פראזע און אין פאעזיע, און עס האלט אין איין צוקומען נאך. ער זעט בא איטלעכן פרייד און באגייסטערונג, מוט צו טעטיקייט און דאס פונאנדערוויקלען פון ברייטע פלענער פאר ארבעטן גאר גרויסע, גראנדיעזע. ער פרובירט אבער אויך אריינצובליקן אין די ביכער גופא, לייענען פאר זיך, פארטייטשן, און ער מוז אנטוישט ווערן. אין דער גרעסטער צאל זייערע,

פון די ביכער, (א חוץ א פּאָר אויסנאַמען) איז מען ווייטער פון דער רויער קאַפּיע פונעם לאָקאַלן שטייגער לעבן נישט געגאַנגען. ס'איז רעכט צו זאָגן, אַז מיטן אָנשרייבן נאָך א הונדערט, צי צוויי אַזעלכע דערציי־לונגען גיט מען גאָרנישט צו, א חוץ דעם, וואָס מע פאַרשטאָפּט זיך און אַנדערע דעם געשמאַק פאַר ראַפינירטקייט און געלייטערטקייט אין דער פאָרם און אין אינהאַלט. ער מיינט, אַז די הויפּט-צרה דערפון איז, ווי־דעראַמאָל, דאָס דאָזיקע, וואָס מע האָט זיך א וואָרף־געטאָן, מיטן גאַנצן יוגנטלעכן אימפּעט, אַפן לאָקאַלן שטייגער, מע וויל אים נעמען אַף כוח, און יענער לאָזט זיך גראַדע נישט. ער, שקראַפּיל, באַשולדיקט נישט די שרייבער גופא. זיי זענען נאָך יונג און טוען דאָס, וואָס ח' לעווין, רעדאַק־טאָר פון „האָריזאָנטן", און אַנדערע פאַרלאַנגען פון זיי. צווישן די יונ־גע זענען אפילו פאַראַנען אייניקע מיט טאַלאַנט, מיט חוש פאַר בילד און פאָרם, מיט חוש אפילו פאַר אינטואיציע. מע זעט עס אָפט אין זייערע זאַכן, ווי דער אינטואיטיווער חוש לאָזט זיי נישט פאַרשוונדעווען געווי־סע סיטואַציעס, וועלכע וואָלטן אפשר, אַזוי אַרום, אַרויסגעקומען פיל אינ־טערעסאַנטער פאַרן ערב־רבֿ, אַנגעצויגענער און רעגנדיקער. ניין. זיי, די יונגע, טוען עס גראַדע נישט. זיי מיידן אוים דעם גלאַטן וועג פון שונד און, אויפנעמענדיק אין זיך, אין שטילע מינוטן, די געלייטערטע שטים פון זייער אינטואיציע, גייען זיי זי נאָך; און עס באַקומט זיך די סיטואַ־ציע — נישט אַזוי סענסאַציאָנעל און שפּאַנענדיק, ווי דאָס ערב־רב, א שטייגער, וואָלט עס פאַרלאַנגט; דערפאַר אָבער איז די סיטואַציע א קלאָרע, א פּלאַסטישע, א רואיקע, וואָס ציפּט נישט קיינעם בא די נערוון און איבערצייגט אָבער דאָך מיט איר אויסדריקלעכקייט און רואיקער פאַרהאַלטונג. אַזוי, אין ערך, שרייבט פּרוכנער; אָבער, באַין אופן נישט — האַמערל און אַנדערע, וואָס מאַכן עס נאָך ערגער פאַר אים. דער אונטער־שייד פון די אַנדערע, ווי דער וואַסערדיקער קאַמביטש, א שטייגער, און פון האַמערלען איז דער דאָזיקער: קאַמביטש אַליין האָט נישט באַוויזן, פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האַלט אין איין פאַרעפנטלעכן איין דער־ציילונג נאָך דער אַנדערער, אונז איבערצוצייגן אין איינער פון זיי, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט איינעם, וואָס באַזיצט פּערזענלעכע שטריכן, עפּעס אייגנס. ניין. ער מאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס האָט זיך אויס־געלערנט די מלאכה פון איבערנעמען בא יענעם; און ער נעמט איבער זאַכן אַף אַזויפיל געלונגען, אַף וויפל זיי, די זאַכן גופא, זענען צוגעגנגלעך פאַר זיין פלאַכן שכל און ער באַנעמט זיי. קיין אייגנס, פּערזענלעכעס,

וואָס דאָס מיינט, אין אַנדערע ווערטער — אינטואיטיווע טיפקייט, דאָס גיט ער נישט צו. ניין. ער בלייבט אימער געטריי דעם אָריגינאַל... — וואָלט ער געוואוסט דערפון, געווען אַ מבין אויף זיך, וואָלט דאָך דאָס אַליין עדות־געזאָגט אויף עפּעס, וואָלט געקאָנט זיין אַ האָפענונג. ערשט בײַ אַנדערע געביטן, ערנסטערע, צייגט זיך אַרויס די גאַנצע אינגלשע און פּרוכטלאָזע אומבאַהאָלפנקייט זיינע. ער אַליין, נישט חושד־זייענדיק קיינעם און זיך אין גאָרנישט, נעמט זיך גראָדע פאַר אַלצדינג. אָבער זיין פלאַכער באַנעם לאָזט שוין גראָדע יאָ אויס, בײַ די ערנסטערע ענינים, דאָס אַרויסגעטיפּטע און צו דער ליכטיקער שיין דאָס אַרויסגעבראַכטע — מצד אַנדערע, די באמת-באַגאַבטע און אינטואיטיווע האַלץ־העקער און בויער פון וועלטן און געשטאַלטן — מענטן זיי קומען אַפילו פון צווישן זיין אייגענער פאַרשיידנפאַרביקער און זעער־רייכער אין טיפן גאַלעריייע...—אַזוי, אַז דאָס, וואָס ער, קאַמביטש, דערלאַנגט אונז, קען, אויפן בעסטן אופן, בײַ אונז אַרויסרופן דאָס געפיל פון תמיה צו אַ מענטשן אַ אויסערגעוויינלעךאַרבעטזאַמען, וואָס שוויצט אויף טעג מיט נעכט — אויף צו זעען אַרויסצופּרעסן פון איטלעכער פּולבלוטיק־פּולסירנדיקער זאַך דאָס לעבן מיטן זאַפט און עס אונז דערלאַנגען אין דער שטייף-געפּרעסטער פאָרם פון איינגעדאַרטע „געדענק-מיך'לעך" פון אַ מיידלשן ראַזעוון אַלבום...

— מיט האַמערלען האַלט עס אַ ביסל בעסער. ניין. ער מאַכט קיינעם נישט נאָך. ער נעמט נישט אַפילו בײַ קיינעם, אַפילו נישט בײַם לעבן, וועלכעס ער פּרובירט קאָפּירן, און עס באַקומט זיך פאַרט נישט אַזוי, ווי עס וואָלט באַדאַרפט זיין אין דער ווירקלעכקייט. עס פעלט אויף דעם האַמערלען דער פּרימיטיווער חוש אַפילו פאַר זיין אייגענער אינטואיציע, וואָס זאָל אים לערנען און ווייזן. ער פאַלט דאַריבער איינגאַנצן אַרונטער אונטער דער לאָקנדיקער לאַסט פון שונד, וואָס שלעפּט אים אַוועק, דער שוואַרץ יאָר ווייסט וואוהין — נישט צו דער געלייטערטער ווירקלעכקייט, ווי עס וואָלט באַדאַרפט זיין, נישט אַפילו צו דער רויער, אָבער דאָך רעאַלער ווירקלעכקייט פון לעבן, וואָס מוז דאָך כאָטש מיט דעם אַליין עטוואָס ווירקן, צי באַאיינפלוסן ווע מען. מע זעט בחוש, אַז דאָס ווערט ער אַוועקגעשלעפּט ערגעץ, אין זיינע אייגענע כאַאָטיש-פאַרפּלאָנטערטע טיפענישן; דאָרטן זעט ער אַלץ אַנדערש און אַזוי, עקספּרעסיוו-מעסיק, פּרובירט ער עס צו צייגן אויך פאַר אונז. נו, מיט אַ מענטשן אַזאַ, וואָס האָט דורכאויס און עקשנותדיק צו טאָן מיט זיך, קען מען נאָך, ווי עס איז, מיטגיין. אָט די עקשנות, ווער ווייס, קאָן דאָך אַמאָל צו עפּעס דערפירן...

קאמביטש ווידער איז פון די דאָזיקע, וואָס קומען אַף דער וועלט — אַלטע לייט. דאָס וועט דאָך מודה-זיין דער אייפערדיקסטער פון זיינע אַנהענגער, ה׳ לעווין אַליין. האָט ער אים דאָך פאַרגליכן צו יענע יונגע קינדער, וואָס, בא דער גאַנצער נאַאיווער אומבאַהאָלפנקייט זייערע, וויר־קן זיי דאָך אַף אייך מיט דער פרישקייט און צאַפּלדיקייט פון זייער שווי־מיק בלוט — אַן און פאַר זיך, שיין און אויסדריקלעך פאַרמולירט. ווען נישט דאָס, וואָס גראַדע בנוגע קאמביטשן איז עס אַ קליין ביסעלע פאַר־דאַכטלעך. ווייל ה׳ לעווין אַליין וועט דאָך נאָכגעבן, אַז אַלץ איז שיין אין זיין צייט. דאָס זעלביקע — מיט די יונגע קינדער, וואָס חנדלען אונז און געפעלן בלויז דאַן, ווען זיי זענען, מיט אַן אמת, יונג. ווען אָבער זיי נע־מען ווערן עלטער און עלטער — און דאָס מוזן זיי דאָך טאָן — אָבער זיי פאַרבלייבן נאָך אַלץ בא דער זעלביקער „פרישקייט, יוגנטלעכ־קייט און נאַאיווקייט“, — דאַן וועט אונז שוין מוזן ה׳ לעווין אַנטשול־דיקן, ווען מיר וועלן זיך דערלויבן נישט צו טיילן מיט אים צוזאַמען די גרויסע אַנטציקונג פאַר דער אייביקער יוגנט, וואָס וויל גאַרנישט עלטער ווערן, — נייערט מירן זיך נעמען גריבלען און זוכן און מסתמא שוין גע־פינען ערגעץ אַן אָרט, (אַ שטייגער, ווי דאָריאַן גריים פאַרטרעט) וואו די „יוגנט“, כאָטש קיינמאָל נישט יונג־זייענדיק, עלטערט זיך גראַדע יאָ, באַגלייט־ווערנדיק ווידער פון די אַלע שווערע סימפּטאָמען פון אַלטווערנ־דיקייט און צעפאַרנקייט. —

און פרוכנער? ער האָט שוין יאָ אינטואיציע און פאַרמאָגט אויך חוש פאַר איר; זי וועט אים נישט לאָזן בלאָנדזשן, און קיין ליגן נישט זאָגן, — אַף דאַרויף וועלן אַלע איינגיין, זיינע גרעסטע קעגנער אַפילו. ווייל קיין ליגן גיבט עס איבערהויפּט נישט. אָדער — אַ שלעכט-פאַרגעבראַכטע זאַך, וואָס לייגט זיך נישט קיינעם אַפן געדאַנק, — און דאָס מיינט, אייגנטלעך, שונד; אָדער ווידער — אַ גוט־אויפגעבויעטע זאַך, וואָס פאַר־רופט זיך נישט, קאָנקרעט, אַף קיינס פאַרגעקומענס, וואָס פאַרמאָגט אָבער איר אייגענע ווירקלעכקייט, די קינסטלערישע. — יאָ. איז אַ דאַנק דער דאָזיקער געבענטשטער מתנה, דער אינטואיציע, פאַרבלייבט פרוכנער אַליין שטענדיק דער רואיקער, אין די שווידערלעכסטע סיטואַציעס אַפילו, וואָס ער צייגט פאַר אונז. ער וויל זיין, אַקוראַט ווי די נאַטור, וואָס פאַר־בלייבט שטענדיק רואיק, אין אירע גרויזאַמסטע שטורעמס און אויסברו־כן, ווי אין די שטילע און לירישע אידיליעס. פרוכנער איז, אין דעם זין, דער געבענטשטער, דער אויסגעהאַלטנסטער יונגער שרייבער פון די אַלע

ארגענטינער לאקאל־שטייגערניקעס. נישט מער, וואס גראדע דערפאר לויט ערט אף אים אן אנדער געפאר, די פון פארטרוקנט-ווערן אינגאנצן אדער טיילווייז, אפהענגיק דערפון, אף וויפל עס וועלן גרייכן זיינע ווידער־שטאנד־כוחות קעגן דער פרעמדלעכקייט פאר אים פונעם ארטיקן שטייגער לעבן, וואס נעמט אים אלץ מערער אין זיך אריינציען.

אף וויפל דאס זאל שוין האבן אף אים געווירקט, קען מען זען דערפון, וואס אלע זיינע זאכן מאכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואלטן געשריבן געווארן איינדערמיט גאס, (מע דארף זיי, דאריבער, באצייכענען מיטן נאמען — היימלאזע,) און באין אופן נישט — אז דאס זיצט דער שרייבער אליין ערגעץ אין א צימער, צווישן פיר ווענט, און מאכט אונז זען אלץ, וואס טוט זיך ארום. איז ווען דער שרייבער האט נאך נישט (מילד גערעדט) קיין אייגענע וואוינונג, ער איז (לאז זיין — דערווייל) א היימלאזער און אלץ, וואס ער זעט, (מעג עס פארקומען בחדרי-חדרים) זעט ע ר עס און פארפיקסירט עס ווידער אין גאס, — איז דאריבער זעען מיר נישט קיינמאל בא אים קיין צימערן און קיין ווענט פון קיין שטיבער: — אלץ ווערט געטאן פאר אלעמען אין די אויגן, אין סאמע מיט גאס און קען זיך, באין אופן, פון דארטן נישט אוועקרייסן...

עס וויל האבן שקראפיל, אז מיט אינטואיציע אליין, אין איר פיינסטער פארם אפילו, ווי בא פרוסגערן, למשל, קען מען זיך נישט אויסקערן. ווייל אינטואיציע, אקוראט ווי א וואסער נישט איז אנדער געפיל אין אונז, בלייבט קיינמאל נישט שטיין אף א ארט, אין דער נאקעטער פארם, אזוי צו זאגן, ווי זי איז אף דער וועלט געקומען. אלע געפילן וואקסן, זאפן איין אין זיך דעם ארום און, בכדי אים, דעם ארום, דערנאך ערשט צו געשטאלטיקן, ווערן זיי, בתוכם אויך, די אינטואיציע, פריער פון אים אליין געשטאלטיקט און אויסגעפורעמט, לויטן שטייגער אפילו און אויסזעען פונעם ארום. אט דער ארום ווערט, אף א צייט, די צורה און לבוש פון דער אינטואיציע, וואס וואקסט זיך מיט איר צורנויף און וויל זי אינגאנצן באהערשן. ווען אבער די געזונטע אינטואיציע שטעלט א ווידערשטאנד און ווארפט אפ פון זיך דאס פסולת און דאס פארגאנגלעכע פון איטלעכן שטייגער און ארום, בלייבט זי דאן מיטן געלייטערטן נשאר, מיטן נייעם פון איטלעכן צייט-שטייגער באזונדער, וואס מיינט — נייע קלארקייט פון באנעמען און דערזעען וועלט און מענטשן. די אינטואיציע ווערט, אזוי ארום, רייכער און זאפטיקער, בלייבנדיק ווידער שטענדיק פריש און טוליענדיק זיך כסדר צו די קוואלן פון לעבן.

איז טאַקע, מיט אַן אמת, גוט מיט די דאָזיקע שרייבער, וואָס ווייסן, ווי זיך צו באַגיין מיט דער אינטואיציע, צו אָפּשאַצן איר רייפקייט, איר מעגלעכקייטן. זיי העלפן איר צו וואַקסן, ווערן קרעפטיק און אויסדריקלעך. זיי וועלן זי קיינמאָל נישט באַלעסטיקן מיט אַזעלכע פּרעמדיקייטן, וואָס זענען נישט פאַר איר צעקייבאַר, און ווען זי בעסער לאָזן שפּאַנען מיט איר אייגענעם פאַרזיכטיקן, אָבער רואיקן וועג.

דערפאַר מיינט שקראַפּיל, אַז דער שווערסטער נסיון קומט פאַר דער אינטואיציע דאַן, ווען זי, אַ באַלאַדענע מיט אַ געוויסן שטייגער-לבוש פון אַ געוויסער היים, וואו דער שרייבער איז געבאָרן און זיך, אין אַ געוויסער מאָס, געצייטיקט, — ווען זי קומט אין באַריר מיט אַ נייעם און, במילא, פרעמדן פאַר איר שטייגער לעבן פון דורות. זי מוז זיך צוערשט פאַרבאַהאַלטן אין זיך, אַף נישט צו צעשמאַלצן-ווערן אינעם נייעם אינגאַנצן. זי מוז זיך אַפילו באַהערשן, אַף נית מיטגעריסן צו ווערן מיטן נייעם שטייגער, וואָס ציט און לאָקט מיט זיין נייקייט און פרישקייט — אַף איבערצוגעבן זיך און גיין פאַרלוירן. זי טאָר אָבער דאָך נישט פאַרבלייבן אייביק אָפּגעשלאָסן אין זיך. זי, די אינטואיציע, מוז נעמען אָנשטעלן אַלע אירע חושים צום אַרום, אים נעמען צעגלידערן און צעטיילן, טיילווייז אים אויפנעמען און לאָזן זיך-פּאַרמישן מיטן עיקרדיקן פון איר מהות; אַזוי אַרום, און מיט דער צייט, אים אויפנעמען אינגאַנצן, אָפּוואַרפן דאָס פסולת און איבערלאָזן פאַר זיך, ווי אַ לעבעדיקן נערוו, וואָס ווירקט שוין, דעם געלייטערטן נשאר פונעם נייעם, אָבער דאָך — שוין אייגן-געוואָרענעם שטייגער לעבן.

אַזוי, מיינט שקראַפּיל, דאַרף זיין דער וועג פון איטלעכן שרייבער, וואָס ווערט פאַרוואָרפן אין אַ נייער היים. במילא וואָלט אַזוי אויך באַדאַרפן זיין דער וועג פון דער יונגער אידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע. ווען דאָס איז אָבער נישט געשען; ווען ח׳ לעווין א. א. פון דער אָפּיציעלער קריטיק האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון דעם, וואָס זיי פאַרלאַנגען פון די יונגע שרייבער, — וועט עס ברענגען — די בעסערע און רייפערע אַפילו, ווי פּרוכנער, למשל, צו פולשטענדיק איינדאַרעניש און, אַפן בעסטן אופן, צו פאַרוואַסערונג און פלאַכקייט, וואָס מיינט, אייגנטלעך, איינס און דאָס זעלביקע. פון די שוואַכערע איז דאָך שוין אָפּגערעדט. זיי האָבן נישט באַוויזן נאָך רעכט אויפצעפלאָנטערן די קינדערשע פיסלעך זייערע, וואָס האָבן זיך כסדר רק געהאַלטן אין איין פאַרטשעפּען אָן די בענקלעך און טישן פון די נייע וואוינונגען זייערע

און — זיי פאַלן שוין ווידער איבער זיך אַליין, נישט-באַנעמענדיק זאָגאַר די סיבה דערפון.

און איצט קומט דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע. ח' לעווין און די איבעריקע, — אייגנטלעך, די אַלע, וואָס האָבן, כמעט אַף אַ דירעקטן שטייגער, מיטגעווירקט צו דער פאַרפלאַכונג פון די יונגע, — זיי קריטיקירן איצט די דורכגעפאַלענע פּרוואָוון זייערע, לאָבן אויס קאָמביטשן איבער דער פאַרדאַכטלעכער „תמיד-יונגקייט" זיינער, רייסן אַראָפּ האַמערלען פאַר זיין שונדעווען איבער יעדער מאָס און וואָרעגן די איבעריקע פאַר די פאַרשטייענדיקע געפאַרן... איצט, ווען ס'איז שוין אַזויפיל מי פאַרלאָרן געגאַנגען, קומט מען און מע שטראָפט און מע לערנט יענעם. אַליין אָבער בלייבט מען אומשולדיק. די אייגענע ליניע, די אָפיציעלע, טאָר נישט און קען נישט בלייבן זינדיק. זי איז געווען און אַזוי וועט זי אימער פאַרבלייבן — נישט צום פאַרזינדיקן!—

וועמען זשע דאַרף מען באַדויערן? — מיינט שקראַפּיל — דערעיקרשט און איבערהויפּט פּרוכנערן. אָבער ער, שקראַפּיל, גלויבט אין זיין יוגנט. די אָפיציעלע קריטיק וועט, מסתמא, מיט אים אויך גיך פאַרטיק ווערן. ער וועט נאָך פאַרבלייבן געגוג יונג און שטאַרק אַף אויסצוהאַלטן אַ קלאַפּ און לערנען פון אים.

וואָס איז שייך ווידער אים אַליין, שקראַפּילן, איז זעט ער דאָך, האַמערל א. א., אַז ער גייט נישט פאַרלוירן. ער איז, פון לכתחילה אָן, פון זיין אָנקומען אהער, נישט געפעלן געוואָרן קיינעם, געוואָרן אויסגעלאַכט און אַרונטערגעריסן. ער האָט זיך אָבער כסדר צוגעהערט בלויז צו זיך אַליין. ער האָט גענומען מערקן, אַז ערשט דאָ, אין דער ווייטער נייער היים, נעמט זיך בא אים אויסקלאָרן דאָס פיינע געשטאַלט פון זיין היים-שטעטל מיטן גאַנצן לעבן דאָרטן, וואו ער איז תמיד אומגעגאַן אינצווייען און, מערקווירדיק, גאַרנישט געזען פאַר די אויגן... האָט ער זיך גלייך גענומען איבער דעם צו פאַרטראַכטן און, צום אַלעם ערשטן, אויסגעפונען, אַז דאָס קומט מסתמא איבער דער דיסטאַנץ און ווייטקייט פון זיין היים, וואָס ער נעמט איצט זעען אַזוי אויסדריקלעך און קלאָר, ווייל ער בענקט צו שטאַרק אַהינצו. אָט די בענקשאַפט פאַרשאַרפט עם די ליבע-געפילן, וואָס גרייכן צו דער פרוי פונדערווייטנס און ווערן, אַ דאַנק דער דיסטאַנץ, ראַפינירט און אויסגעאיידלט-קינסטלעריש, — ווי אין דער קונסט איז, אַ דאַנק דער פּערספּעקטיוו, חל דאָס שטערבן און זיך-ווילן אָנזאָפּן מיטן לעבן, מיט דעם זיך צו באַהעפטן.

נאָך שפּעטער איז פאַר שקראַפּילן די זאַך פיל קלאָרער געוואָרן. ער האָט שוין דייטלעך איינגעזען, אַז דערמיט, מיטן ציינגן אים די היים, וויל זיך די אינטואיציע אין אים פאַרפאַנצערן קעגן די אַלע נייע שטראָמען, וואָס האָבן זיך אַף איר אַ לאָז געטאָן, זי איינגאַנצן צו פאַרשלונגען. ער מוז איר, דער־ריבער, קומען צו הילף, ווען ער וויל נאָר נישט אונטערגיין איינגאַנצן און אויפגעלייזט ווערן!

און אַזוי, פאָרזיכטיק און באַזאַכט, האָט ער געאַרבעט און איז דאָך געוואָקסן. דערעיקרשט — מע זאָל וויסן, וואָס מע וויל. דערנאָך ערשט קען קומען צו רייד ווענגן ווענלן. און ווילן ווילן מיר דאָך אַלע גראַדע, וואָס מערער — — —

---

נאָך אַ פּאָר חודשים פון לעבן אָפּגעזונדערט, באַ זיך אַף דער נייער קוואַרטיר, האָט זיך האַמערל איבעראַניים פאַרבענקט צו חברים. אמת, ער האָט נישט געבטלט אָט די גאַנצע צייט, פאַרבראַכט מיט שקראַפּילן אין ערנסטע שמועסן. ער האָט זיך אויך גאַנץ אייפעריק אַריינגעוואָרפן אינעם למוד פון שפּאַניש. דאָס איז שוין גראַדע פאָרגעקומען אונטער דער ווירקונג פון אים טאַקע, פון שקראַפּילן, וואָס האָט אים פאַראויסגעזאָגט אַזאַ שווערע צוקונפט אין דער אידישער ליטעראַטור. ער האָט עס גענו־מען ערנסט. ער האָט אָבער אויך גענומען טראַכטן פון עפּעס אַזאַ נייס, וואָס וועט איבעראַשן, אין איין שיינעם טאָג, אַלעמען, אפילו אויך שקראַפּילן. פאַר האַמערלען איז קלאָר, אַז אַף דער גויאישער גאַס איז אַ סאַך גרינגער זיך אַרויפצודראַפּן אַפן לייטער, ווי אינעם שמאָלן אידישן געסל, וואו ח' לעווין א. א. זיצן צעלייגט און לאָזן נישט קיינעם דעם קאָפּ אויפהויבן. אַנדערש איז באַ זיי, באַ די גויאים — מע לעבט און מע לאָזט אויך אַנדערע לעבן. דערפאַר אָבער, קלערט האַמערל, וועלן זיי עס אַ ביסל איבעגעראַשט ווערן, אָט די אַלע „האָריזאָנטניקעס“, ווען זיי וועלן דער־הערן, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט! ממש אומגלויבלעך! — אָבער ער אַליין זעט שוין דאָס בילד פאַר די אויגן און רייבט אַ האַנט אָן אַ האַנט פאַר נחת. אָ, זאָל ער נאָר גרינטלעך דערלערנען די שפּראַך, וועט מען שוין זעען, ווען ווען!

האַמערל איז אַ מענטש פון טאַט, דאָס ווייסן אַלע. ער זיצט איצט, טאָג ווי נאַכט, פאַרלירט נישט קיין איין פרייע מינוט און לערנט. אַלץ פאַרן ציל, פאַר דער גאָר־נאָענטער צוקונפט. ער איז שוין איצט זעער נישט גערן שקראַפּילן אפילו, און יענער הערט אים שוין אויף צו באַזוכן.

ער בלייבט אליין. ער, און די פרעמדע גויאישע וועלט, וואו ער מוז זיך עס אריינרייסן בגוואלד, אפהאקן מיט אלץ און אוועק, אנישט — איז ער פארלוירן! ער ארבעט און טראכט. אבער ער וויל נישט טראכטן. די ארבעט אליין וועט וויזן, ווער וועמען! —

— — די ארבעט... וואס זשע מיינט ער עס, האמערל, טאקע מיט אן אמת, אז ער איז שוין נאענט צום ציל? וועמען זשע האט ער עס דארטן, אף דער פרעמדער גאס, ווער ס'זאל אים אויסשטרעקן די ערשטע האנט צו הילף? וואס זשע קלערט ער בא זיך, אז מע קוקט אים אויס דארטן? וואס איז ער — א ערשט-נעכטן געבוירענער? און אזוי וועט ער עס זיצן, דורך טעג און נעכט, אליין און פארלאזן פון אלעמען, און שמידן זיין אייזערנע צוקונפט? — —

פאר דער צייט איז האמערל שטארק אפגעצערט געווארן, א חוץ נערוויאיש, אומרואיק און געבראכן. ער מוז לויפן איצט אפזוכן פרוכנערן און פארברענגען מיט אים דעם אוונט. נאך אלעמען, איז ער פארט א וואוילער יונג, פרוכנער, א יונג מיט ביינער! — וואו ער איז עס אלץ נישט אויסגעוועזן און איבערגעהאט. ער נעמט דערציילן, ווערסטו גאר גע־וואוירע, אז ער האט הארץ א סאך און מיטגעפיל, וואס קומט בא אים ארויס, ווי פון זיך אליין, גראדע דארטן, וואו עס דארף צו זיין! — אט פארט ער אום, אן אמבולאנט, איבער דער פראווינץ, פאלט אראפ אין א ארעם שטעטעלע, גייט פון טיר צו טיר: — נאקעטע, בארוועסע קינדער־לעך פישטשען און רייסן זיך... ביז עס נעמט אומגיין א קלאנג, אז דער הייליקער עליאס, איז געשטאלט פון א אמבולאנט, גייט אום איבער די שטיבער און טיילט גאנצע הויפנס גאזשעטעס. אלע עסן: דער טאטע, די מאמע, די קינדערלעך, די הינטלעך. אויס פישטשעריי, געשרייען — אלע מיילער זענען פארנומען... — און דער אמבולאנט קומט אין א צווייט שטעטל, שטייט איין בא א אידישער שניידער-פאמיליע. נישטא קיין אר־בעט. דאס ווייב מיט די קינדער גייען אויס. ער ווערט דער איינציקער שפייזער פון דער פאמיליע, ווי אן עלטערער ברודער צו די קינדערלעך.

אבער איינמאל ווערט זיינס א ברודערל קראנק. זיין פעקל האט זיך שוין אויסגענומען. עס גייט אויס דאס קינד. ניטא מיט וואס צו דערהאלטן דאס קינד. עס שטארבט דאס קינד. און קיין הייליק ארט איז דא נישטא. ווייט פון א אידישן ישוב. דערפאר ווייגט דא נישט קיינער אין שטיבל אפן קינד. נישט, ווי בא לייטן. און דאס קינד ליגט אין וויגעלע און ווארט. אין דרויסן שטייט דער קאטשערא פון די מאהילקעס און ווארט. נישט דער־

אמבולאַנס, נישט דער טאַטע האָבן יענעם נישט צוגעלאָזט צו דער אָר־בעט. אַליין געשטאַנען אין הויפּל און געמייסטרעוועט דאָס קעסטעלע פאַרן קינד. אַלץ—דורך אידישע הענט! — דאַן איז דער טאַטע געזעסן אַף די קאָזלעס און אָנגעטריבן. מיטן קעסטעלע אַף די קני איז געזעסן דער אמבולאַנט אינעווייניק. און געפאָרן איז מען לאַנג און ווייט. האָט זיך די קאַטש אָן עפּעס פאַרהאַקט, דאָס קעסטעלע אַ טרייסל געטאָן, אַ טעמפּן אָפּהילך — האָט זיך דער טאַטע האַסטיק אומגעקערט און מיט פאַריבל געקוקט אַפן אמבולאַנט:

— זיי געהיט... מיטן קינד... — אַ שווערער קוק, אַ אומאויס־גאַנגלעכער.

מע איז געקומען, אויפגעגראָבן און אַריינגעשטעלט דאָס קעסטעלע. ביידע האָבן גענומען פאַרשיטן די גרוב (זייערס ביזן סוף אויסגעפירט, נישט צוגעלאָזט דעם ערל) און פאַרגליכן ביז צו אַ בערגעלע די ערד...—

האַמערל קוקט זיך אַרום. ער איז איצט געשטאַנען לעבן האָטעל, זיין פריערדיקער וואוינונג... אַלץ אין אים האָט אויפגעזאָטן. ס'איז געווען אָנהויב אָוונט. מיטן תירוץ — איבעראַניים זיך אַריינצוקלייבן, האָט ער זיך גלייך געלאָזן גיין אַף אינעווייניק. ער מוז זיך איצט טרעפן מיט איר, באַשטימען אַף שפּעטער. ער וועט איר עפּעס צוזאָגן, ווי תמיד. — עס האָט זיך געלויכטן אינעם קיכל. כואַנע איז געווען, געשייערט די כלים. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט חידוש. האָט אפילו נישט געוואָלט הערן דער־פון. ער גייט פונדאַנען, צי ניין? באַלד, אַפן אָרט!

זי איז, פאַר דער צייט, פעטער און לויטערער געוואָרן. זי האָט אים אַזוי געצווינגן. ער וואָלט איר איצט אַלץ געגעבן... זי קוקט אפילו נישט אין זיין זייט און שייערט די כלים מיט אַזאַ האַסט און שטרענגקייט...

ער איז קוים אַוועק פון דאָרטן.

איצט האָט שוין האַמערל נישט געקענט פאַרבלייבן, אַף זיין נייער־קוואַרטיר אַפילו, אַזוי רואיק, ווי געוועזן. עס קומט אים ווידעראַמאָל פאָר, אַקוראַט ווי מיט מאַריען אינדערהיים, ווי רק עמיצער האַלט בא אים אין איין צונעמען זיינס, דאָס טייערסטע פון זיין לעבן. איז נאָך ווינציק, נעמט ער אַליין און גיט עס אָפּ יענעם, כלומרשט מיט אַ שמייכל, מיטן גאַנצן האַרצן. וואָס איז מיט אים, צו אַלדי טייוול? פריער מיינט ער, אַז דאָס, וואָס ער גיט אָפּ, גייט אים אַליין שוין נישט אָן. באַלד גאָכדעם קוקט ער זיך אַרום, אַז נאָך נישט אַלץ איז איבערגעריסן; עס ציט אים צום פריערדיקן, אַ שטייגער ווי צו כוואַנען אַצינד און אַפילו צו מאַריען, מיט אַזאַ ברען — נישט אַריבערצוטראָגן. וואָס זשע שמייכלט ער נאָך, דער אידיאָט איינער, און צוליב וואָס טוט ער דאָס אַלץ — אַף צעפּיקעניש זיך אַליין, אָט אַ פּנים? — נאָר — ניין. זאָל ער זיך נישט פּרואוון איצט אויסדרייען מיט די שאַרפע ווערטעלעך, וואָס ער לאָזט כלומרשט אָפּ אַף זיין אייגענעם חשבון: — ס'איז נישט מער, ווי זעלבסטנאַרעריי, ס'וועט אים איבעראַניים פאַרפירן. ער דאַרף זיך נאָר נישט אויפרעגן, פּרובירן זיך פאַרהאַלטן, לגבי זיך אַליין טאַקע, רואיק און אויך אַ קליין ביסעלע זעלבסט־קריטיש. וואָס איז? ער איז איצט איינער אַליין אינדערהיים, קיינער שטערט אים נישט, מע טרייבט אים נישט אונטער. האַמערל, וואָס ווילסטו? מאַריען? — פאַרלוירן אַף נישט אומצוקערן. כוואַנען? איז וואָס איז דאָ די זאָרג? מאָגסט זיך, מיט אַן אמת, שעמען. אַזעלכע, ווי זי. קריגט מען אין אַלע צייטן. איבעראַניים צו מאַריען. דו קענסט פון איר נישט אַוועקגיין, אמת? הער אויס, האַמערל. איצט איז שפּעט באַנאַכט. קיינער וועט דיך שוין היינט נישט באַאומרואיקן. נישט באַזוכן. לעש אויס די לוז, צינד אָן צוויי ליכט און שטעל זיי אַוועק אַף דיין טיש — האָסט דאָך עפּעס יאָ אַ חוש פאַר אינטימקייט, פאַר סובטילקייט, ווי־באַלד אַז דו ביזט, נאָך אַזויפיל יאָרן, אַלץ פאַרליבט אין דיין נאַרישער קליינשטעטלדיקער, — אָ, ביזט נאָך אַלץ פאַרבליבן דער זעלביקער, נישט־געענדערטער, וואָס אַמאָל, אינדערהיים! — שאַ! אָבער, הער ווייטער.

מאַריען ווען שוין נישט האָבן, קיינמאָל נישט. אמת, דו שרייבסט איר שוין נישט מער, ווי ביז איצט — אַוועקגעוואָרפן? דאָס שטערט דיר אָבער נישט צו פאַרבלייבן באַ דיינע געפילן, וויפל דיין האַרץ גלוסט נאָר אַליין. אדרבה, זייענדיק פון איר דערווייטערט אַצינד, האָסטו די געלעגנהייט זיך צו דערהויבן, לייטערן און דערעיקרשט — דו הערסט? — צו באַנעמען, וואָס מיט דיר אַליין טוט זיך — דאַן ביזטו אַ גראַטעוועטער, אַ גליקלעכער!

און די שטימע האָט פאַרגעזעצט:

... נעם נאָר גיך און גרייט צו פּאַפּיר, טינט און פעדער... נאַרישער מענטש — וואָס האָט דיר דען געפעלט מאַריע אינגאַנצן? — אַז דיין פאַרגליווערטע אָפּגעלעגענע נשמה זאָל אויפגעריסן ווערן. ס'האָט גענומען בושוועון דאָרטן אַ געוואַלדיקער שטורעם; דו ביזט טראַגיש-צערודערט; אין דיר אַלץ זידט און רוישט מיט דינאַמישן ברויז, מיט צעזאָדענעם כאַאָס, מיט אונטערגאַנג און אויפקום, — נו, ווילסטו איבעראַנייס ווערן פאַרגליווערט, אויסגעלאָשן? עך, קינד וואָס דו ביזט... נעם שוין און אַרבעט. עס שטייט נישט די צייט...

---

האַמערל איז ווידער פאַרפאַלן געוואָרן. עס גייען אַריבער וואָכן, קיינער זעט אים נישט. מע זאָרגט זיך נישט דאַריבער. ער מוז מסתמא זיצן און אַרבעטן איבער אַ גרעסערער זאַך. ווער ווייסט, אפשר וועט זיך נאָך פּאָרט עפּעס אויספּלאָנטערן פון אים? ס'איז דאָך נאַריש. טאַלאַנט האָט ער, דער בחור. נישט מער, עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך צעקריגט מיטן טאַלאַנט זיינעם און ער טוט אים אָפּ אָפּ צעלאָכעס. ער וויל אים ווייזן, אַז ער שטייט נישט אין אים, ער דאַרף צו זיין לאַסקע נישט אָנקומען, ער קאָן זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן אים אויך. וואָס זשע זאָל עס זיין אַזוינס? מירן נעמען, למשל, זיינע אַ דערציילונג, נישט וויכטיק אַוועלכע. עס נעמט גיין אַ שילדערונג מיט טאַקט און רואיקייט, אַלנפאַלס, געטריי דער ווירקלעכקייט. זעט מען אָבער, אַז דאָ אַליין איז ער נאָך גאָרנישטאָ. מע לייענט און מע וויל, דאָס הייסט, מע ווינטשט זיך מיטן גאַנצן האַרצן, ס'זאָל אַדורכגיין אַזוי ביזן סוף, וועט מען קאָנען פרייער אָפּאָטעמען. ערשט, דו נעמסט שוין ווערן אומרואיק — וואָס איז געשען? עס נעמט עפּעס רודערן און טומלען, מע זעט שוין נישט גאָרנים. יאָ, אָבער מע זעט נאָך, ווי אַ מענטש, דאָס הייסט, האַמערל אַליין, ווערט געשלעפּט פון עמיצן אין ערגעץ; ער שרייט און ליאַרעמט, מאַכט

אַן גוואַלדן און... ער טוט פּאַרט, וואָס יענער פאַרלאַנגט פֿון אים. נישט מיט זיין ווילן געשעעט עס, גישט ער באַנעמט אַפּילו, וואָס ער האָט געטאָן... אַז דו לייגסט אַוועק די זאַך און פּרובירסט זיך באַקומען וועגן איר אַ איינדרוק, קענסטו עס נישט פֿועלן באין אופן, פּשוט דערפֿאַר — ווייל ער לאָזט דיך נישט זעען. ער ליגט, אַ צעמאַרשטשעטער, איבער דער גאַנצער מלאָכה זיינער און פאַרשטעלט זי דיר פֿאַר די אויגן.

דאָס קומט דאָך, אייגנטלעך, פֿאַר בא יעדן. דו זעסט דעם באַלמע־לאָכע אין זיין אַרבעט. דו זעסט אָבער, צוגלייך, אויך די אַרבעט אַליין, פֿאַר זיך. דער באַלמעלאָכע ווידער זעט זיך אין איר אין אַ העכערער איי־דעלער פֿאָרם — ווי ער שטייט מן הצד, איבער דער זאַך, און באַטראַכט זי, צי ער באַנעמט זי כסדר מיט זיין שכל. פּרוביר אָבער האָמערלען אַוועק־נעמען פֿון זיין אַרבעט, אַזוי שלעפּט זיך דיר באַלד נאָך די גאַנצע זאַך פֿאַר זיין נאָפל...

עס מיינט צו זאָגן, אַז עס פֿעלט אין זיינער אַ זאַך די גאַנצקייט, ס'הייסט, זיין אייגענע, האָמערלס גאַנצקייט און נישט, אַז ער זאָל אַרויס־קומען פֿון יעדן מין זאַך ברסוק אברים. ער וואָלט באַדאַרפֿן אַלץ צו פֿאַר־בויגן און זיך וועלן צוקוקן, אָבער מיט אויפמערקזאַמקייט, צום פּשוטן שטייגער לעבן פֿונעם אַרום, צי גאָר פֿון דער נאַטור. ער וואָלט דערזען אומעטום, זאָל זיין — פֿאַרבאָרגן, אָבער גאַנץ און רואיק אָטעמען די אי־דייע פֿון איטלעכער זאַך באַזונדער. ער וואָלט ווייטער געקוקט און, דאָס זעלביקע וואָס פֿריער, באַנומען מיט מערער ערנסט און קלאָרקייט. ער וואָלט נעמלעך דערזען, ווי די אידייע פֿון לעבן גייט צו צום כאָאָס און חומר פֿונעם זעלביקן, ראַנגלט זיך מיט אים און געשטאַלטיקט אים, לייגט אַף אים אַוועק איר חותם, דעם פֿון דער אידייע. אַזוי טוט זי מיטן רויען פֿאַרהאַרטעוועטן שטיין־חומר פֿונעם אַרום — זי לייגט זיך אַף אים פּלאַסטיש און אויסדריקלעך; אַזוי געשטאַלטיקט זי אויבעט דעם צעפּלאָ־סענעם ווילדן כאָאָס פֿון טענער־קלאַנגען און אַפּילו פֿונעם מענטשלעכן אַרט ריידן. אָבער צו אונזער אויג קומען זיי ביידע, די אידייע און דער חומר, באַגלייך און ביידע צייגן זיך אונז גראַדע נישט־פֿאַרהוילן, אָבער רואיק, קלאָר און גאַנץ.

איז דאָך אָפּגערעדט, אַז דאָס זעלביקע איז בא דער קונסט, וואָס בלייבט שוין איביק אַזוי, נישט פֿאַרענדערלעך, און נישט ווי אין לעבן, וואו דער חומר ענדערט זיך כסדר, ווערט גישט מיד צו געבן אַ ווידער־שטאַנד צו דער אַרויפֿגעפּרעסטער אַף אים און אויסדריקלעכער קלאָרקייט

— ווען עס ציט אים, דעם חומר אַליין, כסדר צו דער צעפּלאָסענער סטיכיע, צום נישטזייענדיקן זיין. ער ראַנגלט זיך דאַריבער מיט דער אידייע און עס געלינגט אים אויך זי מטושטש צו מאַכן, אויב נישט אָפּצומעקן זי, דאָס הייסט, זי אַריינזויגן און אַריינציען אין זיך אינגאַנצן.

דאָס לעצטע פּאַסירט תמיד מיט האַמערלען, עס הייסט, מיט דער אידייע — האַמערל, ווען זי נעמט זיך צו געשטאַלטיקן דעם מאַטעריאַל פון אַ וואַסער נישט איז זאַך. ווי ער וואָלט זיך געשראָקן פאַר עפּעס, פאַרן עצם פאַקט, וואָס אידייע גייט זיך דאָ צוזאַמענגיסן, באַהעפטן מיט חומר, — אַזוי שטעלט ער זיך אינדערמיט. נישט דערלאָזן עס גלייך באַם אָנהויב. עס גייט איבער עטלעכע מאָל דאָס אייגענע; עס רעגט אָן אַ מין ליידנשאַפטלעכער צאָרן באַ ביידן, וואָס דאַרפן זיך צונויפגיין... ווען די אידייע איז שוין, ענדלעך, מיטן חומר צוזאַמען, ווייסט זי שוין יישט, וואָס זי דאַרף דאָ טאָן. זי ווערט געשלעפּט מיט זשעדנעקייט ערגעץ אין כאַאָטישע טיפענישן, אַליין אַ אומבאַהאָלפענע, אַ צעפּלאָסענע, אַ נעבעכדיקע.

דערפאַר וויל האָבן ח' לעווין, אַז ס'איז אומזיסט די מי. פאַרלאַנגען פון האַמערלען פייגע בעלעטריסטיק איז אַקוראַט דאָס זעלביקע, ווי פירשלאָגן אַן אַלטן אויסגעקערטן בעל-עבירה די שטילע צאַרטע ליבע צו אַ גרעטכען — —

נאָך אַ שפּאָר ביסל צייט נישט-ווייזן זיך פאַר דער ליכטיקער שיין, איז האַמערל, אין איינעם אַן אָוונט, ענדלעך געקומען צווישן חברים. מע האָט אים אָנגעקוקט און נישט דערקאָנט. אַ נאָכלאָזיקע מידקייט איז געלעגן איינגעקלעבט אין זיין לענגלעך-געוואָרן איינגעפאַלן פּנים. די אויגן באַ אים האָבן געלויכטן מיט עפּעס אַ מאָדנער שיין, פון דאָרטן ערגעץ; איז געווען דער איינדרוק, אַז אמת טאַקע, ער איז איצט געקומען צווישן חברים, זיצט און רעדט מיט זיי, זינגט מיט אַ פול מויל און מאַכט זיך לוסטיק און — ער איז דאָך נישט געקומען — עס הויבט זיך נישט אָן, אַפילו. ער איז נאָך אַלץ פאַרבליבן דאָרטן ערגעץ, וואו ער האָט, קענטיק, אַזוי שווער צוג עבראַכט אַזויפיל טעג מיט נעכט, ווער ווייסט, אַף וואָס, צי באַ עפּעס. איצט וועט ער שוין קיינעם נישט איינריידן, מיט זיין לאַכן נישט אָפּנאַרן; ווייל ער איז נאָך אַלץ אַ דאָרטיקער, אָדער — ער איז אַ ד אָ ר ט י ק ע ר און שוין!

מע איז זיך צעגאַנגען אָן טענות, געווען זיכער, אַז ער באַמערקט עס נישט און וועט נישט נעמען פאַר אומגוט. האַמערל האָט, וואָס אַן אמת,

באמערקט גראַדע דאָס פּאַרקערטע. חברים האָבן זיך דערפרייידט מיט אים, געפּרעגט, וואו ער איז עס פאַרפאַלן געוואָרן אַף אַזוי לאַנג, גע־וואָלט דערגיין די סיבה דערפון, געפּרובירט אפילו אָנדייטן אַפן שרייבעריש, פריער פּאַרזיכטיק, דערנאָך גייט מען אריבער אַף אָפן און קורץ:
— זאָל ער פּאַרלייענען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, וועט מען דיסקוטירן, ס'וועט זיין לעבעדיק, אינטערעסאַנט...

מע האָט אים אריינגעקוקט טיף אין די אויגן, געלאַכט, געקלאַפּט אים איבערן קני. ער האָט צוריקגעשמייכלט צוטרוילעך, גוטמוטיק, אָבער — ניט נאַריש. ער האָט ניט געזאָגט יאָ, נישט ניין. מע וועט צוואַרטן אַ קליין ביסל, וועט מען זעען. ליידער קען ער אַצינד מער די חברים נישט זאָגן. זאָל מען אים אַנטשולדיקן.

ער איז שוין געווען כמעט ערנסט. ער האָט געזעען, ווי דאָס לייגט זיך אַף די חברים זיינע. מע טשעפּעט אים ניט מער. ווי מע וואָלט זיך עפּעס אַף שנעל צוריקגעצויגן, מיט אַ חידושדיקן אויסדרוק אַף אַלעמענס פּנימער. מע איז זיך שוין צעגאַנגען. — שוין זשע האָט זיין אויסזעען אַזוי געווירקט אַף זיי? — אָבער, וואָס וויל ער? דאָס מוז זיין דער, לעצטנס אַזוי פעסטגעוואָרענער, אומצוטרוילעכער צוגאַנג צו אים, דער פּאַטער פון וועלכן עס איז ח' לעווין אליין, וואָס האָט געלאָזן פאַלן ווערטער גלאַט אַזוי, חברים האָבן עס אויפגעכאַפּט און ווילן זיך דערמיט נישט שיידן. נו, איז וואָס? וועט ער אַלעמען איצט וויזן, וואָס שרייבן מיינט, אַלעמען און ח' לעווין אויך בתוכם — ער וועט זיי שטום מאַכן, צו אַלדי טייוואָלים!

האָמערל דריקט צונויף אַ פויסט. באַלד צעשמייכלט ער זיך... — ער זאָל עס פאַר זיי פירלייענען! ס'זאָלן זיך שוין אָנהויבן העצעס, נאָך איידער וואָס־ווען... נישטאָ קיין נאַראָנים. מע'ט לעבן, ט'מען זעען!

אין עטלעכע טעג אַרום איז דערשינען אין די „האָריזאָנטן" האָמערלס אַ גרעסערע דערציילונג „דאָס צעשפּאָלטענע האַרץ". ס'איז באַ אַלעמען אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. וואַרטן אַזוי לאַנג אַף אַזאַ... דער זעלבי־קער שונד, אַף אַנדערש איבערגעשלייערט. קיין איין טריט פאָראויס, קיין איין קלאָרגעוואָרענער מאָמענט לגבי זיך. האָמערל האָט גאָרנישט גע־לערנט, נישט געהאַט, במילא, וואָס צו פאַרגעסן. שלעכט מיט אים — וואָס קאָן מען מאַכן? — איינס אָבער פאַרשטייט מען נישט: הלמאי ח' לעווין האָט עס גאָר געגעבן אינגאַנצן? ער איז געשלאָפן דאַמאָלס, צי וואָס? שיין, בנאמנות! — וואָס איז נוגע ווידער האָמערלען גופא, ווייסט ער

דאָך שוין נישט, ווי דעם קאָפּ צו האַלטן. איצט איז ער שוין אויס נסתר געוואָרן. ער גייט אום און לאַכט, פּאַרטשעפּעט איטלעכן און זעט גלייך אַרויפצופירן דעם געשפּרעך אַפן „צעשפּאָלטענעם האַרצן". ערשט דאָ נעמט ער שווימען, שפּאַסט איבער יעדן, שרייט אַריבער אַלעמען, און מען זעט, אַז ער לעבט! — עס ווייזט זיך אָבער אויך אַרויס, אַז אַסאַך, זעער אַסאַך האָבן זיין דערציילונג געלייענט, געהאַט הנאה דערפון, אים פאַר-האַלטן באַם באַגעגענען, אים די האַנט געדריקט, אויסגעלויבט שטאַרק און גערעכטן שרייבן ווייטער... ער האָט, פאַראייננמאָל, אויפגעשטעלט ווי-דער און באַפּעסטיקט זיין שוין-נישט-אייננמאָל שטאַרק צעטרייסלט-גע-וואָרענע פּאָזיציע. ער שיינט טאַקע, ווי די זון, גאָרנישט אים צו דערקע-נען — אומגליקלעכער, וואָס ט'עם זיין פון דיר? —

אָבער דאָס, וואָס איז געקומען שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג, האָט אַלע-מען געטראָפן אומגעריכט. ח' לעווין איז אַרויס אין די „האָריזאָנטן" מיט אַ לענגער אַרטיקל אויפצוקלערן און, צום לעצטן מאָל שוין, דעם ענין האַ-מערל דערליידיקן און אַף תמיד. ער האָט באַשלאָסן, אָט אַ פּנים, אים אויפצולייזן איצט אינגאַנצ.ן מע האָט עס געזען אינעם גאַנצן טאָן פון-נעם אַרטיקל, וואו, אונטער דער שווער-אַריבערגעצויגענער שאָלעכץ פון אָביעקטיוער גאָרנישט-נוגעדיקייט, איז געשטאַנען לעווין אַליין, מיט פאַרקריצטע ציין, און געוואָרפן זיך נישט נאָר אַף האַמערלען, נאָר אויך אַפן גאַנצן ערב-רב, וואָס האָט אים לעצטנס אַזוי ברוטאַל אַפּלאָדירט.

וועגן אַרבעטן ווייטער אין די „האָרינזאָנטן" האָט שוין האַמערל, מיט אַן אמת, געמאָגט פאַרגעסן. פאַר ח' לעווינען האָט ער שוין נישט עקזיסטירט מער. אין איינעם אַן אָוונט האָט מען זיך אויפגעטראָפן אין אַ קאַפע און געזעסן אַ לענגערע צייט. ח' לעווין, איצט שוין אַ באַרו-איקטער, האָט געשמייכלט מיטן גאַנצן פּנים און אַרומגערעדט פאַר חברים די גאַנצע זאַך אַ ביסל ברייטער. ווען ער איז געפאָרן, פאַראַיאָרן, קיין איי-ראָפּע, איז איינמאָל, אין אַ בין-השמשות, האָט זיך אויפגעהויבן איבערן ים-פלאַך אַ משונהדיקער באַטישער קאָפּ פון איינער, עפּעס אַ גיגאַנ-טישער חיה, געקוקט אַ מינוט, צוויי אַף די אומבאַוועגלעכע וואַסערן, נישט געקאָנט, אַ פּנים, אויסהאַלטן לענגער און פאַרשוואונדן. אַזעלכע, ווי האַ-מערל, פּרובירן זיך גאָר קיינמאָל נישט אויפהויבן איבערן כאַאָטישן ערב-רב, אים וועלן געשטאַלטיקן און פאַרמעוועןן. זיי זענען אַליין, פון אים טאַקע, די געשיקטע אַף אַריינצושרייען אומעטום דעם ערב-רבס ווילד געשריי און פאַרטומלען באַ אַלעמען דעם מוח און דאָס האַרץ. פּרובירט זיי ווי-

דער, די האמערלעך, אפצוטיילן, אף א רגע, פון זייער מאסע, אזוי פעלט ז ייגלייך אוים אטעם און זיי נעמען צאנקען און ספאזמירן. דערפאר האַבן זיי עס, באם ערב-רב טאקע, דעם גרויסן דערפאלג. זיי זענען שטענדיק מיט אים שוה־בשוה און זיי רופן בא אים תמיד ארוים דעם ליבסטן אויפרייץ. זיי ריידן צו אים, אף זיין לשון, פון אלע פיינע זאכענעס, פון יושר אפילו, פון אידעאלן און קאמף; זיי געפינען אוים בא אים, אין א גרויסער מאס, דאס אלץ און רימען אים זעער שטארק. זענען זיי אים ליב דאריבער, און ער אפלאדירט זיי פונעם גאנצן הארצן. — דער ערב־רב וויל אבער נישט תמיד, אז מע זאל אים רק האלטן אין איין חנפענען און לויבן. ער וויל זיין מיט לייטן גלייך און אין אלץ. ער ווייסט, אז ערגעץ אנדערש פירט זיך, דאס מע שטראפט אויך, מע רייסט ארונטער פאר די זינד, — און ער פארלאנגט דאס אייגענע פון זיי, פון זיינע האמערלעך. זיי ווידער טוען עס אלצאיינס, מיטן זעלביקן פליים און הכנעה, ווי עפעס אנדערש. נישט מער, זיי זענען דאביי פארזיכטיק און באדאכט, כאפן נישט אריבער די מאס קיינמאל, ווייל סע קען נעמען ווערן פריקרע, און מע וועט זיי נאך לינטשן! — אבער, גענוג גערעדט שוין מכוח דעם. מ'עט ריידן פון עפעס פרייליכערס...

אבער פון קיין פרייליכס האט מען שוין דעם אוונט נישט גערעדט. ח' לעווין איז, עפעס מיטאיינמאל, געווארן מאדנע געשטימט, נישט וואס אויפגערעגט, נאר עטוואס טרויעריק און געקרענקט. ער האט זיך פונדעסטוועגן פארהאלטן ווארעם און חברש צו אלעמען באגלייך, צו שקראפילן, אקוראט ווי צו פרובנערן און קאמביטשן. ער האט גענומען ריידן מיט הארץ איבער זיך גופא, איבער זיין פראפעסיע, אלם פובליציסט. פארשטייט זיך, אז ער מוז קומען כסדר אין באריר נישט נאר מיט דער באוואוסטזיניקער און דיסציפלינירטער מאסע, נאר אויך מיטן אנגעלאפענעם ערב-רב, אים גראדע שטראפן אף זיין אייגענעם שטייגער — און נישט, ווי דעם ערב־רב אליין וואלט זיך געוואלט — אים כסדר האלטן אין איין רייסן פאר דער טשופרינע ארויפצו א ביסל — זיך־אונטערהויבן, אנטוויקלען, — איז, וואר־זשע איז דא פאראן די גרעניץ צווישן אים און יענעם דארט, דעם ערב-רב, קען מען אים נישט זאגן?..—

ער אליין, ווי אויך ח' צויבערל און אנדערע, זענען דא שוין אריבער צוויי צענדליק יאר, באם ווינגעלע נאך געשטאנען און געוויגט עס. וואס דא האט זיך נישט איבערגעטאן. איבערגעמישט אלץ אינאיינעם! דער ישוב איז נאך גרין, קוים די ערשטע טריט געשטעלט. איז, פון איין זייט,

איז ער געווען אינגאנצן פארפלייצט פון י ע נ ע, וואס האבן געהאלטן אין איין רייסן פון אים לעבעדיקע שטיקער. פון דער אנדערער זייט ווי־דער, האבן זיך ארומגעדרייט אינצווישן פארשיידענע יונגעלייט פון אלע מינים גרופירונגען ביז אנארכיסטן און טעאזאפן א. א. אלץ האט זיך גע־קאכט, געזאדן, געזוכט אויסצוברייטערן דעם אייגענעם שטח אפן חשבון פון אנדערן. אינדעם איז געווען אין גאנג א שפאר ביסל אידעאליזם און אמתע איבערגעגעבנקייט צו די מאסן. מע האט געוואלט עפעס אויפבויען, אוועקלייגן א פונדאמענט, וועט מען דערנאכדעם נעמען טראגן ציגל צו ציגל, וועט זיך דוכטן אלעמען: — דאס וואקסט דער בנין, ווי פון זיך אליין — וועט עס זיין אלעמענס פרייד. דארטן, וואו ס'איז פאראנען פרייד, קען מעןריידן פון קלארקייט; און דארטן, וואו ס'איז שוין דא א קולטור־בנין, פון אלעמען א געבויעטער, קען מען שוין אוודע ריידן פון אחריות לגבי זיך און יענעם, ווי אויך פון ממלא־זיין דעם בנין.

וויפל זשע נעכט און טעג מיט יארן האט מען פארברענט אף דעם אלעמען? מיט וועמען אלץ האט מען זיך נישט איבערגעמישט, באגע־גנט, דיסקוטירט, געקעמפט, געפאלן און זיך איבעראניים אויפגעהויבן? — איז מילא, ח' צוויבערל, אקוראט ווי אנדערע, זענען זיך צעגאנגען אינ־דערמיט, איטלעכער אף אן אנדער וועג; נישט מער, מיט דעם אונטער־שייד, וואס אנדערע זענען גאר אוועק צו זיך אהיים, צום אייגענעם ווייב און קינד, בעת ח' צוויבערל האט זיך פארנומען אינגאנצן, מיטן פנים און הארץ, צו דער קונסט און, אין גרעסטן טייל, צו דער פרעמדער מער, ווי צו דער אידישער. ער האט, אמת, געשריבן און, פון צייט צו צייט, פאר־עפנטלעכט פרעכטיקע נאוועלן און סקיצן אין אידיש, — האט ער אבער דאך די גאנצע קינסטלערישע קראפט זיינע אפגעגעבן דעם עסיי און דער מאנאגראפיע, געווידמעט די אלע גרויסע פון דארטן; און בלויז אמאל, זעלטן געלאזן אויך פאלן א ווארט איבער איינעם פון אונזערע גרעסטע, ווי פרץ, למשל, מענדעלע...

יא. אבער מיט ח' צוויבערלען איז די גאנצע זאך א ביסל אנדערש. ער האט תמיד געשפילט די ראל פונעם אינדיווידואליסט, האט זיך קיינ־מאל נישט ליב געהאט צו מישן צופיל אין טומלדיקע זאכן און געהאלטן זיך דוקא בא די זייטן. — אבער ער, לעווין אליין, אלס פארטיי־קעמפער און פובליציסט, און אפולע אנדערע, וואס האבן זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט, זיך געבאפט מיט אלעמען אין קאמף, געריסן זיך און געבויעט און, כ'מיין, פארט דערפירט צו עפעס — אט צו דעם באשיידענעם קול־

טור-בנין, וואָס מיר, די יונגע, פריש־אָנגעקומענע, זעען אים אצינד פאַר די אויגן און דאַרפן עס באַוואונדערן! — דאָך ווערט עפּעס טרויעריק אַפן האַרצן, דערמאָנענדיק זיך אין דעם אַלעמען... וואָס זשע מיינען מיר, די יונגע — אַז ער, לעווין, איז שוין אַלט און נאַריש, דאָס ער פאַרשטייט אַליין נישט, אַז ס'קען זיין: — נישטאָ זיך דאָ גאָר, וואָס צו וואונדערן? אַז כאַפּנדיק אַ בליק פון דער זייט, זעט מען גלייך, אַז ס'איז גאָרנישט אַזויפיל אויפגעטאָן געוואָרן אויך, ווי זיי אַליין, די טוער, ווילן האָבן, און מיינען עס, גראָדע, מיטן גאַנצן האַרצן: — מע איז אַליין אויסגע־בונדן אין אַלעמען און מע שטעקט נאָך רק, מיט אַלע גלידער, אינעם הו־האָ פונעם עבר, וואָס זיין טומלדיקער עכאָ שלאָגט נאָך אָפּ אין די אויערן ביז אַצינד —

איטלעכער, אַ פּנים, איז בלינד אַף זיך אַליין. פונדעסטוועגן וואָלט ער, לעווין, גראָדע נישט געוואָלט זיין פון די ערשטע. ער וואָלט גרייט גע־ווען זיך צו בייטן מיט איטלעכן פון אונז; ער וואָלט אויך וועלן האָבן אָנגעקומען צו אַלעם גרייטן, כדי ער זאָל אויך קאָנען, ווי אַנדערע, נישט נאָר באַוואונדערן די אויפטועכצן פון פריער, אָבער נאָך וואָגן אַ פרעג צו טאָן מיט איראָניע:

— וואָס האָט מען דאָ באַוויזן, במשך פון גאַנצע צוויי צענדליק יאָר אַרבעט? —

אָבער, מע איז אַוועק אין אַ זייט. מע האָט דאָך נערעדט גאָר פונעם ערב־רב. שטענדיק געווען פאַרמישט מיט אים; באַ היינטיקן טאָג — דאָס זעלביקע; דו וואַרפסט זיך, אָן מורא, אין די טיפסטע געדיכטענישן זיי־נע; ווילסט אים פון דאָרטן אַפּירשלעפּן, דערהויבן; אַזויפיל אַרבעט שטייט נאָך פאָרויס; אָבער — קיין גרעניץ צווישן דעם, וואָס וויל דעם ערב־רב דערהויבן, און דעם לעצטן איז קיינמאָל נישט געווען און איז אויך אַצינד נישטאָ...

דער תמיד-ערנסטער שקראַפּיל, וואָס איז קיינמאָל נישט שוה-בשוה מיט ה' לעווינען איבער דעם, וואָס ער, שקראַפּיל, האָט זיך פאַרנומען נישט נאָר אַליין צו שרייבן פון דער אַלטער היים, נאָר ער האָלט נאָך אין איין פּראָפּאַגאַנדירן אַנדערע, וועלנדיק דערהויבן, אייגנטלעך, זיין אייגענע בלינדקייט — ווי ה' לעווין וויל האָבן — צו אַ גאַנצער קונסט־טעאָריע — ווייל ער נעמט זיך אונטער צו דערווייזן, אַז די גאַנצע ענערגיע, וואָס מיר האָבן נאָך דאָ — (אַף צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד קענען אַלע פרעמדע און דרויסנדיקע אָנפאַלייצן, וואָס פאַרנעמען זיך רק אונז

אונטערצוטיקן אין זיך און פאַרשלינגען; אָבער מיר, נישט נאָר מיר לאָ־
זן זיך נישט אַליין פאַרמישן, אינעם פרעמדן, באַווייזן מיר נאָך עס אויפ־
צונעמען, דאָס פרעמדע, און פּרובירן אַף דעם אָפּצודרוקן אונזער אייגע-
נעם חותם—) איז די כוחות דערצו האַלטן מיר אַלץ אין איין שעפּן פון
אונזערע אוראַלטע קוואַלן, וואָס זענען, אַזוי צי אַנדערש, אויפגעקומען
אין אונז נאָך אַלץ אין דער אַלטער היים; — איז אָט דער ביטערער
עקשן, דער שקראַפּיל אַלץ, וואָס וויל נישט נכנע-ווערן און שטעלט זיך
נישט אָפּ קיינמאָל פאַר גאָרנישט אַף אַריינצוזאָגן זיינס אַ וואָרט, וואָס
דאַרף עס טרעפן יענעם אינעם סאַמע פּינטל, גלייך אין ציל אַריין — ער
צעשמייכלט זיך איצט און ער זאָגט — אַז דער ענין גרעניצן איז שוין
גאָרנישט אַזוי פשוט, ווי מע קען מיינען. זאָל מען אים מוחל זיין, וואָס
ער ברענגט תמיד ביישפּילן אַלץ אַזעלכע אַלטערטימלעכע, אַלטמאָדישע;
אַזאַ איז ער שוין אינעם שרייבן און אינעם ריידן! — איז אים גראָדע
איצט געקומען אַפן זכרון עפּעס אַ מעשה פון אַ פאַרצייטישן קלויסטער
אין איטאַליע, וואו איינער אַ גלח פלעגט ווייזן פאַר די גלויביקע, איינ־
מאָל אין דער וואָך, זונטיק, איין און איינציקע הייליקע האָר פון דער
מאַדאָנע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן אין אַ ספּעציעל מירמלשטיי־
נערן קעסטעלע. די אַלע גלויביקע, וואָס האָבן געגאַרט צו זעען אָט די
האָר, האָבן עולה־רגל געווען אַהינצו, צו יענעם אָרט, אַזש פון אַלע עקן
לאַנד; אַ גאַנצע וואָך אַפּריער האָבן זיי זיך געדאַרפט מתקדש-זיין, ליי-
טערן דעם גוף מיט דער נשמה, אַף צו קענען, צו די אַכט טאָג ערשט, האָבן
זוכה־געווען צו דערזעען אָט די הייליקע אַנטפּלעקונג פון דער מאַדאָנעס
האָר. אַזוי זענען אַריבער אַ סאַך יאָרן. ביז איינמאָל אין אַ זונטיק, איז דער
קלויסטער געווען געפּאַקט מיט עלטערע מענער און פרויען. מע האָט שוין
געהאַט אָפּגעזאָגט אַלע נויטיקע תפילות, וואָס האָבן באַדאָרפן קומען פאַר
דעם. ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ טיפע פייערלעכע שטילקייט. אַלע־
מענס עקסטאַטישע בליקן זענען געווענדעט צו דער בימה, וואו דער גלח
איז געשטאַנען, אַ מאַיעסטעטישער און אַ רואיקער, גרייט צו עפענען
ס'קעסטעלע. ער טוט עס טאַקע גלייך און ער שטרעקט אויס זיין האַנט
(מיט דער לאַנגער האָר צווישן די פעטע פינגער) איבער אַלעמענס קעפּ...
אַלע גאַפן פון שטוינונג... די פּנימער לויכטן, ווי די זונען... נאָך אַ ווײַלע,
און אַלץ וועט פאַרשווינדן. די האָר וועט זיך ליגן רואיק ווידער אין איר
פּיין אויסגעבעט ווייגעלע און אונטערן שויז פונעם אַלטן גוטן פאָטער...
מיטאַמאָל ווערט אַ געדרענג. עמיצער שפּאַרט זיך עפּעס, פון הינטער דער

מחנה מענטשן, אַלץ פונפאַרנט, מיט פאַנאַטישער עקשנות, קומט ער צו צו דער בימה און סאַפּעט שווער, האַלט צו מיט דער האַנט דאָס האַרץ. זיין פּנים איז בלייך, אָן אַ טראָפּן בלוט און עס צוקט מוראַדיק; זיינע אויגן ברענען מיט אַ בייז־צעשראָקן פייער; דער אונטערשטער טייל ציין, צוזאַמען מיט דער גאָמבע און דער סיוואַר באָרד זיינער, ציטערן זעער שטאַרק, ווען ער פאַררייסט דעם קאָפּ אַרויפצו, צום גלח, און שרייט אויס מיט אַ משונהדיק־דערשטיקט קול, וואָס בליפּעט שיר נישט:

—...אָבער איך האָב דאָך גאָרנישט געזען... אָ, פאָטער, ווייז מיר אויך דער הייליקער מאַמעס האָר!..

עס ברעכט אויס אַ מוראַדיקער טומל. אָן שיר הענט שטרעקן זיך, פון אַלע זייטן, צום אַלטן, גרייט אים צו צערייסן אַף שטיקער. דער גלח הויבט אויף די אַנדערע פרייע האַנט, (אָן דער האָר) אַ סימן — ס'זאָל זיין שטיל! — און ער ווענדעט זיך צום אַלטן מיט וואַרעמקייט אין די בליקן און אין קול:

—ליבער מאַן! אַלע האָבן די האָר פון אונזער הימלשער מאַמען גע־זען. דו אַליין — נישט. דאָס באַווייזט, אַז דו האָסט זיך נישט געוווּג גע־לייטערט אַף צו האָבן די זכיה מיט ריינע אויגן אָנצוקוקן זי, די האָר... אפשר פרעסט דיין האַרץ אַ שווערע זינד, זאָלסט האָבן געהאַט באַגאַנ־גען, אַמאָל נאָך, אין דער יוגנט, שוין לאַנג פאַרגעסן... דערמאָן זיך, דו אַלטער! זיי זיך מתודה דאָ, פאַר אַלעמען... זעסט דאָך — די אויגן דייַ־נע זענען פאַרשטעלט...

דער אַלטער ברעכט צוזאַמען אין אַ געוויין. ער קומט אַהערצו פון מרחקים, אפשר צוויי הונדערט מייל פון דאַנען; געהערט דעם וואונדער, האָט ער געשפּאַרט פונעם בּיסן... ער איז אַליין אַ לאַנד־אַרבעטער, גע־האָרעוועט תמיד שווער, נישט אָנגערירט יענעמס אַ ברעקל... ער זיצט שוין דאָ אַריבער אַ וואָך, געפאַסט און געקלערט בלויז דעם איין און איינ־ציקן געדאַנק: — ער זאָל באַגליקט ווערן און האָבן די זכיה צו זעען נאָך מיט זיינע אַלטע אויגן דער הייליקער מאַמעס האָר... אַצינד, ווי איז אים! — וואָס וועט ער טאָן און וואוהין וועט ער גיין?...

דער אַלטער שלוכצט אפן קול. אַלע אַרום ווערן אויפגערירט. עס דער־הערן זיך דומפּיקע שטימען. מע רוקט זיך איבער אין דער עדה מענטשן. דעם גלחס פּנים ווערט בלייך, די אויגן צעשראָקן,ביידע אויסגעשטרעקטע הענט באַ אים ציטערן... ער הערט דייטלעך די ווערטער:

—... מיר האָבן אויך נישט געזען... מיר אויך נישט...

—... איך אויך ניסט...

...קיינער נישט? ! . . . —

אָבער, מיטן חסד פון די הימלען, האָט זיך דער גלח גענומען אין די הענט אריין. זיין פּנים האָט באַקומען היץ, די אויגן בא אים האָבן גע־פלאַקערט. נאָך אַלץ מיט די אויסגעשטרעקטע הענט איבער אַלעמענס קעפּ, האָט ער אויסגעשריגן מיט שטאַרקייט:

— הערט אויס, גלויביקע!.. אַ שווערע זינד באַגייט איר איצט קע־גן אונזער הייליקער מוטער און דעם זון, קעגן דעם אַלמעכטיקן פאָטער אונזערן! האָט הרטה, גיט זיך אונטער! — איר האָט קיינער נישט געזען די האָר, קיינס פון אייך נישט? אמת! — אָבער איך אַליין שטיי שוין דאָ, בא דעם דאָזיקן קעסטעלע גאַנצע פערציק יאָר, טו נישט קיין אַנדער זאַך, בין מתפּלל צום הימל פאַר מיין נשמה און פאַר אייך אַלעמען — און איך האָב נאָך אַפילו קיין איין מאָל נישט זוכה געווען זי צו זעען, דער היי־ליקער מאַמעס האָר — נו זינדיק איך, חלילה? — אָדער איך הענג אָן די זאַך אָן מיינע זינד און בין מיך מכניע פאַר זיין רצון ווענן? וואָס זשע האָט איר זיך צעהעשעט אַלע אַזוי, אַקוראַט ווי אין שענק, אין הייליקן פאָ־טערס הויז, להבדיל?.. —

— און פון דאַמאָלס אָן — האָט שקראַפּיל פאַרענדיקט געלאַסן — ווייסט מען נישט, וואו די האָר געפינט זיך... די האָר, די גרעניץ — נישט קיין נפקא־מינה. קיינער האָט זי נאָך ביז איצט נישט געזען...

נאָכן פאַרענדיקן, אַז שקראַפּיל האָט זיך אומגעקוקט אויף זיינע חברים, איז אים אַפילו געוואָרן אַ ביסל גרינגער. זיי האָבן, דאַכט זיך, נישט אויך בעריקס, פאַרשטאַנען, וואוהין ער האָט דאָ געצילט. עך! וואָלט ער באַ־דאַרפט האָבן איצט דעם ח׳ צוויבערל. יענער וואָלט פאַרקנייטשט מיט איין אויג אינגאַנצן; דאָס אַנדערע וואָלט זיך בא אים צעלאַכט שפּיגלדיק — אַ סימן, ער ווייסט! — אָבער ח׳ לעווין אַליין, האָט ער געזען, האָט גאַנץ שאַרף דערשפּירט דעם דינעם ראַש פון דער נאָדל, מיט וועלכער ער, שקראַפּיל, האָט, דאַכט זיך, אַזוי דעליקאַט און פאַרזיכטיק אַ פּיר־גע־מאַן . . .

אָבער ח׳ לעווין, וואָס איז שוין איצט גאַרנישט טרויעריק געווען, ער האָט זיך נישט אויסגעגעבן. ער האָט בלויז אָנגעהויבן מן הצד. ער האָט זיך אויסגעקערט גלייך צו קאַמביטשן. ער ווייסט, אַז ער, קאַמביטש, איז לעצטנס אויף אים שטאַרק ברוגז, הלמאי ער האָט זיך דערלויבט, און

עפנטלעך, פון די „האָריזאָנטן״-עמודים, אים אָרונטערצורייסן. איז, ערשטנס, האָט ער אים גאָרנישט אַזוי־שאַרף אָנגעגריפן, ווי אים אַליין דוכט־זיך. ער, קאַמביטש, נעמט די זאַך צו סוביעקטיוו. אדרבה, ער האָט איבן געלויבט אויבעט און געפונען אין אַלע זיינע זאַכן אַ סאַך פרישקייט און גלויבן אין גערעכטיקייט. דאָס פאַרשפּרעכט, אַז ער וועט, מיט דער צייט, ווערן אַ באַדייטנדיקע פּראָלעטאַריש־קינסטלערישע קראַפט. ער ווייסט נישט, ווי — אַנדערע. אָבער ער אַליין, לעווין, וועט נישט אַוועקגעבן איין שורה זיינע, קאַמביטשס, פאַרן גאַנצן שקראַפּילן. הגם דעם לעצטנס סטיל איז די פולקאָמענהייט אַליין, דוכט זיך, האַ? אָבער, עס איז נישט זיין לשון, זיין אייגנס — מע פאַרשטייט? ער אַליין קומט דאָ נישט צום אויסדרוק, ווייל ער אַליין איז נאָך ווייט פון זיך, שרעקלעך ווייט. ער, לעווין, האָט פיינט חניפה, ער האָט, פון תמיד אָן, ליב צו זאָגן דעם אמת אַלעמען גלייך אין די אויגן. זיין פּראָפעסיע פאָדערט עס פון אים. אין משך פון יאָרן איז עס געוואָרן רוטין. דערפאַר וועט ער זאָגן, אַז פונקט ווי ער ליידט נישט האַמערלען פאַרן שונד, אַזוי קען ער אויך נישט אַריבערטראָגן שקראַפּילן, אַ חוץ אַנדערע זאַכן, אָבער דערעיקרשט — פאַר זיין ליטעראַרישקייט. ער איז דורכויס ליטעראַריש. און מיר האָבן דאָך אַ כלל, אַז ליטעראַטור הערט אויף צו זיין דאָס זעלביקע, ווי נאָר זי נעמט ווערן ליטעראַריש. שקראַפּילס שפּראַך איז נישט זיין אייגענע. די צרה מיט אים איז, וואָס ער קוקט נישט אַהער — וואָלט ער דאָך געהערט און געזען דאָס לעבן, וואָלט דאָך, במילא, זיין לשון אויך געמוזט באַקומען לעבן. קוקט ער אָבער אַלץ אַהינצו, אין יענער זייט יבֿ; רעדט זיך איין, אַז ער הערט און זעט דאָס, וואָס קיינער, אַ חוץ אים, הערט נישט און זעט נישט; אָבער, ווען ער ברענגט עס פאַר אונז, קנייטשן מיר מיט די פּלייצעס: — וואו האָט ער דאָס גענומען? אַזוינס קיינמאָל נישט געהערט! —

זאָגט ער אים שוין אָפּ אינגאַנצן? ניין. ער האָט אים שטענדיק מקרב געווען. שמאל דוחה וימין... ווייל צו אים דערגייט, אַז ער אַרבעט זעער שווער איבער יעדער זאַך, וואָס ער פאַרעפנטלעכט. ער רוקט זיך אפילו, הגם זעער לאַנגזאַם, אָבער פאָרויס. ער אַליין, לעווין, גלויבט — און זאָל מען עס אים דערלויבן צו פאַרשרייבן אינגאַנצן אויף זיין אַקטיוו — ער מיינט צו זאָגן, דאָס בלויז אַ דאַנק אים האָט עס שקראַפּיל לעצטנס גענומען אונטערזינגדיקן מיט לאָקאַלן שטייגער. געוויס איז ער, אין די לעצטע עטלעכע סקיצן — לגבי פריער — אויף אַ סאַך אַוועק פאָרויס, הגם

— ער איז נאָך אַלץ זקוק לרחמים גדולים ! — פאַרענדיקט שוין לעווין, אַליין מיט אַ שמייכל, אַ באַווייז, אַז דאָס אייז האָט געפּלאַצט...

ער קערט זיך אָבער גלייך ווידער אום צו קאָמביטשן מיטן פּנים, וואָס איז שוין איבעראַניים ערנסט און פאַרטראַכט. ער ווייסט נישט, וואָס מיט אים איז, מיט קאָמביטשן. עס ווייעט עפּעס אַן אַלטקייט פון זיין גאַנץ געמיט. ער מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן מיט אַן אַלטער נשמה, (דערפאַר ציינט ער עס אַרוים אַזויפיל חוש און פאַרשטענדעניש פאַר זיין גאַלעריע טיפּן פונעם עלטערן דור, אַוואו ער איז מיט אַן אמת, אומפאַרגלייכלעך!) אָדער, מירן אָננעמען, אַז די מלחמה האָט עס געמאַכט אַזאַ טיפן רים אין זיין האַרץ, נישט צום פאַרהיילן, אַ מין קייזער־שניט, וואָס — ווי נאָר ער רירט זיך צו צו דער יוגנט, אַזוי נעמט עס באַלד ווייען פון אים מיטן העכסט פּעסימיסטישן הבל־הבלים ! ? . .

באַ שקראַפּילן, וואָס האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט, איז דורכגעפלויגן אין מוח: ... „אָקאָרשט נאָר וואָס איז געווען פרישקייט און גלויבן, די יוגנט אַליין, מיט איין וואָרט. ווי דורך אַ כישוף, איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדן, און אָפן אָרט דערפון איז געקומען צופליען, מיטן עכט־אינגלשן גאַלאָפּ, די אַלטקייט, צעבראָכנקייט און זיין מאַיעסטעט, דער הבל־הבלים אַליין — געשיקט זיך עס?!.. סיידן מירן דאַרפן פאַרשטיין, אונטער דער אינגלשער „פרישקייט“ די באַמת־קינדישע „עובר־בטלדי־קייט“! — ער האָט זיך אָבער נישט אויסגעגעבן מיט גאָרנישט, שקראַפּיל. אדרבה. ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו פאַרגלעטן דעם שלעכטן רושם פון זיין פריערדיקער מעשה. ער האָט איצט געזען, אַז לעווין וויל זיך צוריק דערנענטערן, איז ער נישט מחויב דאָס אָפּצוואַרפן.

שקראַפּיל האָט גענומען, גאַנץ פאָרזיכטיק, פאַרקערעווען דעם גאַנצן געשמועס אַף צוריק, דאָס הייסט, גראָדע צום געפערלעכסטן פונקט זייער, צום ענין גרעניצן... ער פאַרשטייט נישט, וואו איז דאָ די שרעק? ווען עמיצנס גייסט זידט יאָרן אין די טונקעלע מאַסן־געדיכטעניש; דאָך איז ער אַרויסגעוואַקסן און זיך דערהויבן; איצט קומט ער ווידער נאָכשלעפּן זיי, די מאַסן, נאָך זיך אַרויפצו, צו קלאָרקייט, — דאַרף מען נאָך אַ בעסער ערבות? דאַרף נאָך דאָ זיין אַ רייד וועגן גרעניצן?

ער מיינט, אָבער, שקראַפּיל, אַז דער ענין פּובליציסט איז, בכלל, זעער אַ האַרבער. ס'איז נישט גוט מיטביידן, אפילו

נישט מיט די דיסציפלינירטע מאסן. זאָל זיך נישט איינריידן ח׳ לע־
ווין קיין אומזיסט־אומנישטיקע אילוזיעס. ער לעבט כסדר אין זיין איי־
גענער טשאד־אטמאָספערע פון אריבער צוויי־צענדליק יאָר פון אָנגע־
שטרענגטער ארבעט, מוז ער דאָך האָבן, פאר זיך אליין כאָטש, די סאַטיס־
פאַקציע, אַז ער האָט געווירקט, ווירקט אצינד און וועט נאָך ווירקן. אַנ־
דערש איז אָבער, ווען ער, ח׳ לעווין, וואָלט זיך קענען, אף א ווייַלע, אינ־
גאנצן פארבויגן אין א זייט און נעמען קוקן מיט אָפענע, אָבער ניכטערע
אויגן צום ארום, וואָלט ער גלייך דערזען, ווי עולם כמנהגו נוהג, אלץ
שטייט אף אן אָרט און, ווען עס טוט זיך יאָ עפּעס, איז עס נישט, ווי
ער, ח׳ לעווין, האָט געבאָטן. דאָס פארמינערט אָבער נישט, אף א האָר
אפילו, דעם ווערט פון זיין ארבעט. עס מיינט, אוואדע, נישט, אז ער דארף
ווארפן די ארבעט. גראָדע פאַרקערט. ער דארף זי פאָרזעצן מיטן גאנצן
ברען און טעמפעראמענט, ווי ביז אהער. ווייל ערגעץ־וואו און בזמן מן
הזמנים ווירקט עס — לאָז זיין, אפן אויסבילדן זיך פון א צווישן־שיכט,
א אינטעליגענטיש־ראדיקאלן, וועלכער דארף ווערן דער טרעגער פון אלע
נייע לאָקאל־דערגרייכטע קולטור־ווערטן, אינעם ברייטסטן זין פונעם
וואָרט. נישט מער, וואָס ער אליין, ח׳ לעווין, ווי אלע אנדערע פון זיין
גלייכן, זענען בלינד אף זיך אליין און זעען נישט קיינמאָל דאָס, וואָס
ווארפט זיך אנדערע גראָדע אין די אויגן. זאָל מען אים ווידעראמאָל מוחל
זיין, שקראפילן, וואָס ער גראָבט זיך רק אין אלטווארג און שמות, וואָס
ער גייט ברענגען איצט א מעשה פון בעש״ט — משל למלך ומנגן וכ״ו
געווען אמאָל א קייסער, וואָס האָט געהאט בא זיך א גרויסן מנגן בכנור,
וואָס האָט אלע יאָרן געהאלטן אין איין שפילן איין און דעם זעלבן ניגון
פאר אלצאיינע מענטשן, דעם קייסערס יועצים און שררות. דער קייסער
אליין האָט אים ליב געהאט, דעם ניגון, און האָט אלעמאָל געהערט אין
אים חידושים פונעם מנגן גופא. דעם מנגן אָבער איז ענדלעך שווער גע־
וואָרן דאָס שפילן פאר די זעלביקע מענטשן. האָט ער שוין געזען, אז עס
ווירקט נישט מער א ף ז י י . . . איז געגאַן דער קייסער, האָט ער
ארויסגענומען באם מנגן די אויגן, געמאַכט אים בלינד. שפעטער האָט
ער אים געזאָגט, אז דאָס קומען אלעמאָל אנדערע מענטשן צו הערן זיין זים
שפילן. האָט דער מנגן שוין נישט אויפגעהערט צו שפילן — פ א ר ן
ק יי ס ע ר — דעם אייגענעם ניגון זיין גאנץ לעבן... — ח׳ לעווין און אנ־
דערע, ווי דער בלינדער מנגן, א שטייגער, זעען אויך, אלעמאָל, אנדערע
מאסן, נייע, פרישע, צי גאָר איבערגעאנדערשטע. זיי ווילן גאָרנישט דער־

לאָזן דעם געדאַנק, אַז ע ר ג ע ץ ־ ו ו א ו איז גאָרנישט, גאָרנישט גע־
ענדערט געוואָרן —

שקראַפּיל ווייל אָבער האָבן וועגן זיך גופא, אַז ער איז נישט קיין
סתם־מקשן און אויך נישט קיין אָרטאָדאָקסאַלער אידיאָט, וואָס וועט קו־
מען פאַרלייקענען די אַלע דערגרייכונגען און איבערגעאַנדערשטקייטן פון
די איינגעוואַנדערטע מאַסן דאָ, אין משך פון די לעצטע פאַר צענדליק
יאָרן. פאַרקערט, ער שטרייכט כסדר אונטער און רעדט איבער דער גרוי־
סער טראַנספאָרמאַציע און איבערגרופּירונג, וואָס האַלט אָן אומאויפהער־
לעך אין אַלע שיכטן פון די אַצינד און פריער איינגעוואַנדערטע. עס קומט
פאַר, פריער פאַר אַלץ — איבער געוויסע דרויסנדיקע, עקאָנאָמישע פאַק־
טאָרן, ווי אינדוסטריאַליזאַציע א. א. וואָס פורעמען דעם גאַנצן שטייגער־
לעבן אַרום, אין דעם כלל — אויך אונזערן; און ערשט דערנאָך קומט די
ריכטיקע אויפפאַסונג, וואָס דערקלערט גענוי די פּראָצעסן און באַלויכט
זיי געהעריק. עפּעס אַנדערש איז אָבער — צי די באַלויכטונגען ווערן פון
די מאַסן אויפגענומען... אַזוי — אַז די פאַרענדערונגען פונעם מאַסן־לע־
בן אונטערליגן נישט — פאַר אַלעמען — דער קולטור און אירע אויפ־
קלערונגען; נאָר — אויך די קולטור גופא, דער כמות ווי דער איכות־
דיקער וואוקס אירער איז היבשלעך אָפּהענגיק פון דרויסן. אַזוי איז דאָ,
ווי אומעטום.

זעט איר, אַנדערש איז שוין אָבער גראַדע מיט דעם נשאר פון או־
מעטום, מיטן לומפּישן ערב־רב און מיט זיין נבזהדיקן ברעקעקעקעקסס...
ער ווערט שוין יאָ מיטגעריסן מיט די אַלע שטראָף־רייד און ווענדונגען;
ער קאָכט זיך און זאָגט אַרויס זיין הסכמה צי קעגנערשאַפט צו אַלץ און
צו אַלעמען; פון אים וועסטו זיך שוין נישט אויסדרייען, ווייל ער קריכט
דיר אַריין אומעטום, אפילו אינעם שלאָף־אַלקער — אַף צו לערנען תורה...
ער מאַטערט דיר אויס די נשמה מיטן גרויסן גייסטיקן און מאָראַלישן
באַטריב זיינעם און, ווען ער דערזעט שוין, אַז דו דעכעסט קוים, פאַכעסט
מיט דער נשמה, — אָ, איז ער דאָך גרייט, פון תמיד, דאָס העמד פון זיך
פאַר זיין הייליקער ליבע! — דאַן נעמט ער אַרונטער זיינע גאָזבאַנדן און
שיקט דיך אַוועק אין ערגעץ, אין אַ רואיק אָרט, זיך אָפּצורוען, מיט פרישׂ
גראָז זיך גוט אָנצופּאַשן און — מיט באַנייטע כוחות זאָל דאָס קאַלב דאָס
גאָלדענע גיין פאַר אים אַ טאַנץ, אָדער — פּייגער! —

— מיין פּרייקייט איז מיין נישט־אָנערקענטקייט! — האָט עמעצער
אַמאָל אויסגערופן. און ער איז געווען גערעכט. ווייל פון דער הנחה

אַרויסגייענדיק, איז שוין גלייכער צו זיין אַ שרייבער אָן אַ אווידיטאָ־ריע, איידער מיט אַזאַ, פון דעם מין.

אַז שקראַפּיל האָט געענדיקט, האָט איינגעטראָטן אַ שווערע שטיל־קייט, וואָס איז געגאַן פון אַלעמען און אַלעמען באַגלייך געדריקט. איצט האָט מען זיך אויפגעהויבן פון די ערטער, ווי אויסגעליידיקטע, איז מען געגאַנגען באַגלייטן ח׳ לעווינען צום טראַמוויי, וואָס ער האָט באַדאַרפן נעמען אַף אַ צווייטער גאַס — אַהיימצופאָרן. ס׳איז שוין געווען שפּעט און, באַגלייך מיטן אָפּגעזעגענען זיך, איז איטלעכער אוועק זיין וועג.

---

אין איינער אַ גאַס האָט זיך שקראַפּיל אָנגעשטויסן אַף האַמערלען.

— וואָס עפּעס איינער אַליין אַזוי שפּעט?

אָט אַזוי. האַמערל האָט אויסגעזען איצט גראָדע רואיק, בלויז עט־וואָס טרויעריק. ער האָט גענומען ריידן מיט ביטערניש. ער לאַכט זיך אויס, אייגנטלעך, פון אַלץ. אָבער — אַרבעטן און ווערן אַ מענטש, דאָס וועט ער נאָך באַווייזן. ער האָט פּעאיקייטן; ער האָט גאָר אַליין נישט גע־וואוסט אַזויפיל — און דאָס, זעט איר, וועט שוין באַ אים קיינער נישט צונעמען. ער וואָלט מיט קיין אַנדערן נישט גערעדט מער וועגן אַזוינע זאַכן. זיי זענען אַלע גרויסע גאָרנישטן, זשאַבעס, וואָס בלאָזן זיך ביז צו די שור־הבדם — ער וויל פון זיי מער נישט ריידן. צו אים אָבער, צו שקראַ־פּילן, האָט ער עפּעס אַ באַזונדער צוטרוי. ער ווייסט אַפילו, אַז ער איז אויך נישט קיין איבעריקער אָנהענגער פון זיין שרייבן — וואָס קען מען מאַכן? אָבער, ווי אַ מענטש, שטייט ער באַ אים העכער פאַר זיי אַלע־מען. וועט ער אים טאַקע דערציילן אַלצדינג. ער האָט באַשלאָסן פעסט אַוועקצעוואַרפן דאָס לערעריי, עס גייט אים שוין, פּשוט, פון האַלז צו־ריק. ער לערנט איצט אַ ניי פאַך, אַ אינטעליגענטיש אָבער. ער מאַכט גרויסע פאָרשריט און, ווי דער מייסטער אַליין פרזיכערט אים, וועט ער, גאָר אינגיכן, ווערן אַ גוטער פאַכמאַן, ער טויג זיך גראָדע אויס דערצו. דערנאָך, אַז ער וועט ענדיקן, פאַרדינט ער זיינע פיר־פינף הונדערט פּע־זעם אַ חודש. מע דאַרף נאָר פּאַקן דעם פּאָסטן, דאַן גייט עס שוין אַליין. מע נעמט אוואַנסירן א. א. וו. און פּאָסטנס... אמת, זיי וואַלגערן זיך נישט. אָבער, ווען מע זוכט, געפינט מען. נישט ערגער, ווי אַנדערע. און דאַן, ברודערקע, וועט מען אַ לעב־טאָן, אַז ס׳וועט קנאַקן! — מע דאַרף נאָר וועלן אַרבעטן. ס׳איבעריקע קומט במילא — אַ גוטע נאַכט!

האַמערל האָט טאַקע גערעדט איצט רואיק, אָבער אַזוי גערדיכט, אַז

ס'איז אוממעגלעך געווען אריינצושטעלן א ווארט. ווען שקראַפּיל איז געבליבן אליין, האט ער נאך געקלערט פון האמערלען און פון זיין משונהדיקער ענערגיע. ווי ער ווארפט זיך עס אף כלערליי געביטן, פּרובירט זיי נעמען מיט שטורם, באווייזט ווירקלעך חידושים, א צווייטער אף זיין ארט וואלט עס גאר נישט בכוח־געווען צו טאן, אויך נישט מיט אזא ברען, אוואדע נישט — מיט אזעלכע דראַסטישע אילוזיעס. אנדערש איז אבער מיט אים. גלייך קומען די גראנדיעזע גליקן, שיטן זיך אף אים — חמרים!

ווי דער ברוטאלסטער שונדיסט פון מיטלאלטערלעכן ערב־רב (פון פאנצאן), דער דאן-קיכאט, אן אפגעשלאסענער אין דער אלטער פארשימלטער ביבליאטעק, שטאפּט דעם בויך מיט אומגעלומפּערטע אילוזיעס און גליקן פאר זיין דולצינעען און פארן ערב־רב, — אזוי זיצט ער איצט, האמערל, ערב־רבס פארוועניו פארגראבן אין זיינע כאאטישע טיפענישן, זעט פאר זיך נאר רייצנדיקע טריאומפן, ער יאגט זיך אף זיי, ווי אף די ווינטמילן, ביז ער בלייבט נישט ליגן — א צעשמעטערטער, א פארצווייפלטער... ווער ווייסט, וואס ס'האט אים געשטויסן אהער, אין ווייטן ארגענטינע? אויב נישט איינע, א קליינשטעטלדיקע גראציע, שוועבט אים תמיד פאר די אויגן; איבער איר האט ער זיך ארויסגעלאזט אין דער ווייטער ברייטער וועלט — אפצוהאלטן קאלאסאלע נצחונות; וועט ער זיך אומקערן, א באלאדענער, צוריק, וועט ער אוועקלייגן די טראפּעען, מיטן ריטערלעכן הארצן באגלייך, צו אירע הערלעכע פיסלעך, וועט ער אויסרופן:

— א, געטין מיינע, באגליק מיך ! —

ניין. ער פאלט נישט קיינמאל בא זיך, נאך דער גרעסטער נידערלאגע. מע'ט פּרובירן ווייטער. נאר נישט געשטאנען. ס'איז קאמף, און די צייט שטייט נישט! — ער גייט זיך ווארפן אף נייע געביטן. אלע טאג אויפדעקן וועלטן. אט יאגט ער ווידער ווילד־אימפּעטיק — אפן רוקן פון ראסינאנטען — איבער די ברייטע פאנטאזיע־פעלדער; ער ציילט שוין נייע טראפּעען, וואס ליגן דארטן, באם ראנד, פאר אים פארגרייטע... און אלץ — פאר זיי דולצינעען! געוויס האט ז י אים געמוזט אזוי פארפאסקודיען דארטן אינעווייניק, אז ער האט אויפגעהערט צו זעען לגמרי די ליכטיקע שיין ! —

מיט אים איז טרויעריק...

שקראפיל איז שוין געהאט צוגעקומען ביז צו זיין וואוינונג, ארויף צו זיך אויבן, ארויפגעדרייט די לוז, — איז ער געבליבן שטיין אפהענטיק. פארביי אים זענען אדורך אלע חברים, וואס ער האט צוגעבראכט מיט זיי, אין משך פון היינטיקן טאג. איצט, אין דער שטילקייט פון דער נאכט, **דוכט זיך, אז פון זיי אלע ווייעט עפעס אזא וויסטע רעלנט, נישט אויס־צוהאלטן. ער מיינט, אז זיי שפירן עס אליין,** איטלעבער בא זיך, די אלטע ווי די יונגע, הגם זיי געבן זיך נישט אויס. ס'איז דער אלגעמיינער איינ־**דרוק, אז ס'איז זיך** נישטא דא אף וועמען סומך צו זיין. ניין. במשך פון אזויפיל יאר איבערמענטשלעכער ארבעט איז נישט געלונגען קיינעם צו שאפן א באדן פאר זיך — א גייסטיקן. הויל און פוסט ארום און ארום. ניין. ס'איז נישט פוסט. עס האלט אין איין וואקסן און אויסברייטערן זיך, אין די מאסן, דער ארטיקער לאקאלער שטייגער, מיט וועלכן עס געשעט גראדע דאס פארקערטע. ער וואגט שוין גראדע יא צו זיין איידל און גרויס־מוטיק אויפצונעמען אין זיינע ברייטע ארעמס דאס, באמת־עכטע און ארי־גינעלע, וואס די איינגעוואנדערטע איראפעער ברענגען מיט מיט זיך אהערצו; ער פארמישט עס גלייך אין זיינע מעכטיקע אינגעווייזן און לאזט עס זיך גוט־גוט איבערזידן אין זיין קרעפטיקן ארגאניזם, וואס געווינט נאר דערפון. אזוי, די יוגנט גייט גאר אוועק פון אונז מיט אלע אונזערע קולטור־באטריבן. דאס אלטווארג איז געבליבן שטעקן אינעם זעלביקן שימל, כאטש — אויסגעהוילט פון יעדן אינהאלט און תוכן, וואס אינעם אלטן שטעטל, און עס וויל זיך נישט, באין אופן, א ריר־טאן פון ארט. זיי איז ניחא, מחמת עפעס, צו בלייבן טויב, בלינד און שטום צו אלץ און אלעמען. און עס פייפט דער אומעט אין און ארום אונזער, משטיינס גע־זאגט, קולטורעלן בנין, וואו אלע פילן זיך עלנט און פארלוירן; עס ציט אין ערגעץ, אויפלייזן זיך, צעפלאסן ווערן, נישט ווערן. ווער זשע האלט נאך אף? דער איינגעבוירענער ציניזם, זאל זיין, צו אלץ און אלעמען? —

... דער יונגער און באמת־צוזאגנדיקער פרוכנער, וועמען עס פעלט נאך אזויפיל אף צו אויספורעמען זיך, — ער פארהאלט זיך אינדיפערענט

סיי בנוגע דער קעגנוואַרט, הן בנוגע דער צוקונפט. ער פאַרגעסט, אַז — דאָ וועט מען שוין נוסח־ווייסבערג נישט אויפפירן. מיט פרימיטיוויקייט אַליין גאָרניט מאַכן. אויב ער וועט זיך ניט נעמען אין די הענט אַריין, ניט פּרוּ־בירן זיך פאַרטיפן, וועט פון אים גאָרנישט ווערן. ווען ער שרייבט יאָ אַן אַ גוטע זאַך, וואָס ווירקט, מאַכט עס נאָך אַלץ דעם איינדרוק, ווי איינער זאָל האָבן פאַרגאַנגען אין ערגעץ אַ מאַשינען־אָפּטיילונג פון אַ גרויסער פאַבריק, באַרירט אומגערן דאָרט, וואו מע דאַרף, און געלאָזן די מאַשין אין גאַנג. (אַרויסגערופן די גייסטער) ער צייגט זיך אָבער גלייך, ווען עס האַלט שוין באַם רעגולירן דעם גאַנג, (צוימען די גייסטער) אָדער זי אָפּ־שטעלן, די מאַשין, אינגאַנצן...

אַף האַמערלען ווייטיקט דאָך ממש דאָס האַרץ: — צוליב וואָס אַ מענטש ליידט... אָבער עלנט שפּירט זיך אַפילו דער „ברייט־אייראָפּעאי־שער" קאָמביטש. און אַזוי אַלע איבעריקע. אַזוי גוט ח' לעווין, ווי דער גייסטיק־אַריסטאָקראַטישער צויבערל א. א. עס צייגט זיך גאַנץ אָפּט אין זייערע אייגענע רייד פון זיך און פון אַמאָל. ח' לעווין האָט, פון תמיד אָן, געזוכט, ווי מיט ליכט, אַ טאַלאַנט, לאָז זיין — אַ פונק, וואָס מע זעט אים קוים אָן, בלויז דורך אַ מיקראָסקאָפּ, — וואָס דאָס איז דאָך, אגב, דערלויבט איטלעכן יונגען מענטשן צו האָבן! ניין. האָט מען גע־פּרואווט אָט דעם פונק פונאַנדערצובלאָזן אין אַ גאַנץ העליש פייער...

יאָ. אָבער קיינער איז דאָך נישט מחויב זיך אַריינטראַכטן צופיל אין יענעם. עס איז נאַטירלעך, אַז איטלעכער, וואָס טוט, מאַכט פעלערן. פון נישט טאָן קומט דאָך, זיכער, גאָרנישט אַרויס. נו, איז נישט געגאַנגען אַף איין געביט, האָט ח' לעווין, דערפאַר, פּועל־געווען אַף אַ צווייטן.

דאַרף מען זיך אָבער צוהערן צו אַנדערע קוועלן, צו די, וואָס שטיי־ען, למשל, נאָענטער צו ח' צויבערל, אַזוי ווילן זיי האָבן, די בייזע צינ־גער, אַז — אמת טאַקע, ח' לעווין האָט שטאַרק געווייטיקט אַפן תוהו־ובוהו און כאָאָס און אַפן גרויסן בלבול־המוחין, וואָס האָט געהערשט, בא יע־נער צייט, צווישן די מאַסן און אין די רייען פון דער אינטעליגענץ, — דאָך אָבער האָט ער מיט ווינציק געקענט פאַרבעסערן די סיטואַציע. איז ער אַפּי־לו אַ פּובליציסט געווען, זעער אַ טאַלאַנטירטער, האָט ער, פון צייט צו צייט, פאַרעפנטלעכט איבער אַקטועלע פראַגן פאַרשיידענע אַרטיקלען און אָפּ־האַנדלונגען, האָבן זיי בשעתם געמאַכט אַ רושם. אָבע רקיין באַשטענדיקע טריבונע אונטער דער האַנט האָט ער, אין די ערשטע יאָרן, ניט געהאַט,

האָט זיין וואָרט נישט געקאָנט קומען פאַר דער עפנטלעכקייט אַזוי אָפּט און כסדרדיק, ווי ס'וואָלט באַדאַרפט זיין.

אינגאַנצן אַנדערש איז געווען מיט ח' צויבערל. טאַקע נישט קיין באַרופענער רעדנער. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ פיינעם חתוך־הדבור און, באַגלייך מיט דער הסברה און אַ דאַנק זיין גרויסער ערודיציע, פלעגט עס אים שטענדיק געלינגען, אַלס פרעלעגענט, אַריינצוברענגען אין די פאַר־פלאָנטערסטע ענינים אפילו באַרואיקונג און קלאָרקייט, וואָס האָט, צו יענער צייט, אַ סאַך מיטגעהאָלפן די מאַסן אַרויסצוקומען בשלום פון דעם גאַנצן טשאַד און היציקייט פונעם אַרום, וואָס איז, פון איין זייט, באַשטאַ־נען פון אַ גאַנצער רייע אידייען און אידעאָלאָגיעס, וועלכע — פון ער־געץ אַרויסגעריסן־געוואָרענע אַף כוח, צוזאַמען מיט די טרעגערס זייע־רע, — זענען זיי מיטגעשלעפט געוואָרן אַזש ביז אהערצו, וואו זיי האָ־בן זיך, באַיין אופן, נישט געלאָזן איינוואָרצלען; פון דער אַנדערער זייט ווידער, איז דער זעלביקער אַרום, דער פרעמדער, נייער און אָנרעגנדיקער, גרייט געווען גלאַט אַלעמען צו פאַרשלינגען אין זיך און אָפּמעקן.

איצט ערשט, מיינט שקראַפּיל, הויבט פאַר אים אָן קלאָר צו ווער־רן, וואָס דאַמאָלס האָט זיך אַלץ נישט אָפּגעטאָן. וואָס אָן אמת, איז עס נישט וויכטיק צו וויסן אויך. אָט דאָס גאַנצע אַרומרייסעניש איז נאַריש. דער האָט געבויעט, יענער, — ווען מיר האָבן דאָך דאָ צו טאָן, צו אַל־די גוטע יאָר, מיט פראָגרעסיווע מאַסן־טוער, וואָס ווען דאָך אַליין מו־זן נאָכגעבן, אַז אומעטום און אין אַלע צייטן האָבן מאַסן אַליין אַלץ גע־בויעט. נישט געקוקט אָבער אַף דעם, בלייבן זיי אומעטום בלינד־איינ־געקנאָטן אינעם לייִם און ציגל פונעם בנין, און נישט מער, ווי איינעם־צוויי געלינגט עס אַרויפצוקומען אויבנאָן און אַזוי שוין פאַרבלייבן. פאַר־פאַלן. סדר העולם אַזאַ. שקראַפּילן אַליין, אגב, איז בלויז באַקאַנט דער קרייז פון „האָריזאָנטן", וואו ער קומט אַריין, זעט ער, אַז דאָ האָבן זיך די צוויי, לעווין און צויבערל, דערהאַלטן. אין אַנדערע קרייזן — און אַזעלכע זענען דאָ אַ סאַך — איז זיכער אויך דאָס אייגענע. דערווייל אָבער רייִ־דן מיר בלויז פון די צוויי. איז אינטערעסאַנט צו זען, ווי זיי האָבן עס אויפגעפאַכט יענע מטושטשע צייט פון זייער לעבן און ווי זיי זענען, איטלע־כער באַזונדער, אַרויסגעקומען פון איר און זיך דערהאַלטן ביז אַף היינט.

ח' צויבערל האָט אונז מיטגעבראַכט פון דאַן אַ העכסט־אינטערעסאַנ־טן דאָקומענט פון פאַרשיידענע נאָוועלן, סקיצן און עסייען. אין די ערש־טע צוויי (נאָוועלן און סקיצן) ווייזט ער אונז דעם גרעאַנגל פון די פאַר־

שיידענע שיכטן איינגעוואנדערטע, פונעם לירישן אינטעליגענט און ראַ־ציאָנאַליסט, ביזן פשוטן מאַסן-מענטשן; וואָס איטלעכער פון זיי באַזונדער האָט דאָך מיטגעמאַכט, אין די ביז־איצטיקע היימען (אַ דאַנק לאַנגע דורות פון פאָלקס-קולטור) אַ גאַנץ אַנדער שטייגער לעבן, אַן אייראָפּעאישן, אַזוי צו זאָגן, וואָס מיינט, לויט ח' צוויבערל, — אַ מער אינטעלעקטועלן און ראַציאָנעלערן אַן און פאַר זיך, נישט געווענדט גראָדע אינגאַנצן אינעם גייסטיקן ניוואָ פון איטלעכן דאָרטן באַזונדער. ווען מיר זאָלן נעמען, למשל, די צוויי שטייגער־לעבנס, דעם אייראָפּעאישן און דעם פון די מעבר־לימישע דרום-לענדער און זיי אָוועקשטעלן איינס קעגן אַנדערן, בכדי צו זעען, אויב זיי גייען זיך צונויף, אָדער פונאַנדער, — מיינט ח' צוויבערל, אַז מיר וואָלטן גלייך אָנגעוויזן דאַרויף, אַז דאָס אייראָפּעאישע לעבן איז, אין די גרונט-יסודות זיינע, מער געשטאַלטיקער, אויסדריקלעכער און קלאָרער, עס מיינט — אַז אומעטום, אין פשוטן לעבן, ווי אין דער קונסט, אין דער ליטעראַטור, מוזיק, ווי אין דער וויסנשאַפט, איז געלונגען דעם אייראָפּעאישן מענטשלעכן גייסט צו אונטערדריקן אַף אַפּולע דעם צעפּלאָסענעם אורשפּרונגלעכן לעבנס-כאַאָס, אים צו געשטאַלטן און מאַכן אונטערטעניק דעם ערשטן. ווען מיר ווילן האָבן, אַז די טעזע פון לעבן איז דער צעפּלאָסענער, צי פאַרגליווערטער כאַאָס; די אַנטיטעזע — דער אייביק-אומרואיקער גייסט פון דערקענטעניש; און דער סינטעז איז די האַרמאָניע און פּלאַסטישע אויסגעפורעמטקייט פון די ערשטע צוויי באַגלייך (וואָס, גיט זיי, אַזוי אַרום ,דעם באַלדיקן אָנהאַלט אינעם לעבן; וואָס בלייבט אָבער נישט אייביק גליווערן אין דער האַרמאָניע און מוז, — אַ דאַנק דעם וואוקס און אומאויפהערלעכן געראַנגל פון גייסט פאַר נייערע פאָרמען, און דעם דראַנג, ווידער, פון כאַאָס צוריק צו פאָרמלאָזיקייט — ווערן איבעראַניים די טעזע פאַר דער נייער אַנטיטעזע פון מאָרגן), — קענען מיר זאָגן, אַז אינעם אייראָפּעאישן שטייגער לעבן האָט די אַנטיטעזע, אין איר געראַנגל מיטן קעגנער, די אויבערהאַנט איבער אים און פורעמט אים, לויט איר שטייגער און אויסזעען. אין דער צייט, וואָס אינעם מעבר־לימישן דרום־לענדישן לעבן איז די טעזע די געוועלטיקערן איבער אַלע געביטן פון קונסט, אין דער מוזיק, ווי אין דער ליטעראַטור, ווי אינעם גאַנצן שטייגער לעבן פונעם אַרום. דער געראַנגל פונעם איינגעוואַנדערטן מאַסן־מענטשן און אינטעליגענט קעגן אָרטיקן לאָקאַלן שטייגער און פאַרן זעלבסטדערהאַלטן זיך באַשטייט — אינעם נישט וועלן אַראָפּלאָזן זיך צו נידעריקע שטאַפּלען פון לעבן, וואו עס

הערשט נאָך אזוי אומגעצוימט דער אומאָרגאַנישער און צעפלאָסענער כּאָאָס, וואָס ציט, ווי מיט קלאַמערן, אין די טיפענישן זיינע. עס קומט אים פאָר, דעם פרעמדן, אַז דאָס אַלץ, ווי נאָך פון פריער באַקאַנט, אַקו-ראַט ווי ער אַליין וואָלט עס אַמאָל, ווער ווייסט מיט וויפל ציטן צו-ריק, ערגעץ וואו איבערגעלעבט...

ח׳ צויבערל, אַליין אַ אינטעליגענט, וואָס פאַרמאָגט אי ליריק, אי אַ זעלבסטשטענדיקן ווידערשטייליקן געדאַנק, פירט אויף פאַר אונז, אַפן באָדן פון ליבע, איין קאָנפליקט נאָכן אַנדערן. וואָס ליבע אַליין, (פונעם מאַן צו דער פרוי) מיט אַלע אירע באַגלייטענישן, ווי אומעט, גלויבן, שרעק, עקסטאַז א. א., איז שוין אַ שטאַרקער אָנפליץ און מרידה פון וויל-דן כּאָאָס אַפן מענטשלעכן אויסגעקלאָרטן גייסט, (פון נאָך אַ סאַך יאָרן שווערן געראַנגל מיטן אייגענעם חומר,) און אַף זיין אויסגעקעמפטער שפּי-גל-רואיקייט, וואָס זי, די פרוי — אַט די בילדערישע פאַרקערפערונג פון כּאָאָס — וויל מאַכן אינגאַנצן מטושטש און צעשווענקט. דערפון — איר שטאַרקע פאַסיווקייט און צוריקגעהאַלטנקייט, ווען עס ציט איר צו אים, אפילו, גריילעך, קעגן איר אייגענעם ווילן... דעם מאַן ווידער, וועלכער ווערט, תחילת, באַגוועלטיקט, אים קומט זי פאָר, גלייך אין אָנהויב, ווי באַקאַנט; ער וואָלט שווערן, אַז ער האָט איר אַמאָל און ערגעץ וואו גאַנץ נאָענט געזען... אָבער — אויך קעגן זיין ווי-לן — טרעט ער אויף מיט איר אין שווערן קאַמף פאַר צוימען דעם צע-פלאָסענעם כּאָאָס אינגאַנצן, אים געשטאַלטיקן, האַרמאָניש מיט אים זיך-צוזאַמענגיסן. ווען דאָס געשעט, ווען די פרוי נעמט שוין שפּירן איבער זיך זיין קראַפט און שעפערישן ווילן — איז זי שוין נישט בכוח מער זיך קעגנצושטעלן; ווידער פאַלט זי אַריין אין פאַסיווער נאַכלאַזיקייט, ווי חומר ביד היוצר...

ווען דער אייראָפּעאישער מאַן אָבער, דער מער-געשטאַלטיקער און ראַציאָנעלער, טרעפט זיך צונויף מיטן אָרטיקן לעבן און מיט דער דאָ־גע־בוירענער פרוי, — נעמט ער שפּירן אין זיך — נישט, וואָס דעם ווילן איר צו באַהערשן און מאַכן אונטערטעניק — עס נעמט אים ציען אַף אַראָפּ, צו די נידעריקע שטאַפּלען אירע, וואו גייסט איז נאָך אינגאַנצן צו-זאַמענגעגאָסן מיטן געפלאָסענעם כּאָאָס, געאייניקט, נישט-צעטיילט נאָך; עס ציט אים שוין צום אַמאָל, צום פאַרגעסן און איבערגעבן זיך, אָן ווילן, דעם געטלעך-זיסן דרימל פונעם אויפגעלייזטן מהות זיינעם...

ער נעמט ווערן אַנגערעגט און פאַרשיקערט. עס דוכט זיך, אין אָנהויב, אַז זיין שוועסטער פרוי פון דער היים — אַזאַ איינע, ווי ער אַליין איז — וועט זיין בכוח אים אויפצוהאַלטן און שטאַרקן — ער זאָל נישט אומפאַלן אינגאַנצן. ווען ער דערזעט איר, צעוואַרעמט זיך דאָס בלוט בא אים; ער נעמט אויסזינגען צו איר די שענסטע אילוזיעס פון זיין דאָ נישט לאַנגסטיקן עבר און . . . ער ווערט אויסגעלאָשן באַלד נאָכדעם, ווי עס שלאָגט נאָר אוים דער לעצטער אַקאָרד פון זיין געזאַנג. מער וואָס צו זאָגן איר, דערציילן האָט ער נישט. ער דערזעט ערשט איצט, מיט חידוש, אַז זי, די שוועסטער־פרוי זיינע פונדערהיים, איז שוין נישט בכוח מער אים אויפצוורודערן און צעשרעקן; זי קומט אים פאָר אַליין צערודערט און אויפגעראַשט; נישט זי וויל אים באַגוועלטיקן — זי זוכט אַליין זיך אָן אים אָנצושפאַרן און געפינען אַ שוץ...

און יענע, די פרעמדע און אַזוי נאָענטע, ציט צו זיך מיט איר פרעמדקייט און שרעקט אַזוי מיט דער נאָענטקייט... ער ווערט לעבן איר, ווי אויסגעליידיקט פון זיין גאַנצער ביז איצטיקער איבערגעלאָדנקייט, פון די אַלע קלאָרע טענער און קלאַנגען, וואָס האָבן, שוין ווי פון זיך אַליין, געזונגען אין אים דאָס ליד פון זיין ליכטיקער יוגנט. עס ווערט דאָס אַלץ צערונען, אויסגעוועבט — עס ווילט זיך אים בלויז צו פאַרשלאָגן אַלע פענצטער צום דרויסן צו, און מיט איר אינאיינעם פאַרגיין, אין פינצטערער ענדלאָזער באַהעפטונג...

און זיין שוועסטער פרוי פון דער היים? זי נעמט אויך שפּירן אין זיך דעם אָנפלייץ פון טיפע געדיכטע קוואַלן, וואָס שטייגן אין איר העכער אַלץ, ביז זיי פאַרשטעלן שוין פאַר איר דאָס ביסל מיטגעבראַכטע שיין און ליכט אירם און שלעפן איר מיט זיך אוועק.

עס פאַרשטייט עס נישט בלויז אַמאָל איר חבר, וואָס האָט זיך נאָך אַליין, ווי עס איז, דערהאַלטן פונאויבן, ער גיט זיך נאָך אַלץ נישט אונטער. ער קוקט אַף זיין פרוי, אַ שפּעט באַנאַכט געקומענע פון ערגעץ, צעטומלט און קראַנק. אים נעמט אָן באַם הארצן. נאָענט גייט ער צו, איר העלפן. ער דערשרעקט זיך פּלוצים: — פאַר אים האָט זיך געעפנט אַ תהום . . .

ח׳ צויבערל פרובירט פאַר אונז שילדערן אָט דעם שווערן געראַנגל פון אַלטן און נייעם שטייגער מיט די געוויינלעכע טעכנישע מיטלען פאַר דער נאָוועלע און קורץ-געפאַסטער סקיצע. ער פאַנגט אָן זיין בעלעטריסטישן דאָקומענט מיט אַ סענטימענטאַלן און זעער־פעסימיסטישן זאָג:

„...פאַראַנגען מענטשן, וואָס לעבן כּסדר און פאַרגייען שוין אין (די אַראָפּ־געגידערטע טיפענישן, אין) שאָטן...“ דער וואָרעם־סענטימענטאַלער, האַלב־פאַרנעפּלטער און לירישער טאָן, וואָס צום אָנהויב, קומט אָבער באַלד (אין די ווייטערדיקע נאָוועלן) אין שטאַרקן קאָנפליקט מיטן קלאָר־אויסדריקלע־כן עפּישן שטייגער פון באַהערשן זאַכן און סביבה. עס נעמט זיך דוכטן, אַז דער עפּישער טאָן וועט לסוף באַגוועלטיקן אינגאַנצן דעם לירישן און אַליין פאַרבלייבן דער זעער איבער דער גאַנצער ברייט פון דער מיליע. — ניין. עס געשעט נישט דאָס לעצטע. עס קומט נישט אַפילו צו דער אַזוי־גערופענער האַרמאָניע פון די צוויי זיך־באַשטרייטנדיקע עלעמענטן. עס האַלט אָן דער גראַנגל און כּסדר. עס וויקלט זיך אויס פונעם עפּישן עלע־מענט, זיך צו הילף, אַ צאַרטער ראַפינירטער הומאָר. צוזאַמען מיט אַ זעער־דינער און ביז־גאָר שאַרפער איראָניע פּרובירן זיי אַלץ צו באַהערשן די וואָרעם־סענטימענטאַלע ליריק און באַווייזן עס נישט צו טאָן. עס בלייבט אַלץ הענגען אין לופטן, נישט צום אַנטשיידן...

איז דאָך אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי אַזוי זעט אויס דאָס פעלד פון געראַנגל מ״ט יאָרן שפּעטער: מיר געפינען עס שוין בּאַ ח׳ צויבערל אין די שילדערונגען פון די לעצטע יאָרן. ביידע, דער אינטעליגענט און דער פּשוטער מאַסן־מענטש, דער מאַן ווי די פרוי, האָבן זיך באמת באַפרייט פונעם לירישן נעפּל. זיי קומען אַלע פאָר, ווער מערער, ווער ווינציקער — עפּיש־שטייגעריש און קלאָר. אָבער, ווײַ צו דער קלאָרקייט! שטאָט דעם ליבטיקן הומאָר פון אַמאָל, שלאָגט פון זיי איצט מיט ברוטאַל־צינישער געזונטקייט. זיי זענען געגעזן געוואָרן; פאַרוואָרפן די אַלע ראַנגלענישן פון פריער; שפּאָטן אכזר־יותדיק אָפּ פון יענע, וואָס זענען גראָדע אַרויס פו־נעם געראַנגל — שטאַרק־צעשעדיקטע, צעבראָכענע.

עס בלייבט נאָך אַלץ איבער קלאָר צו מאַכן, ווי ח׳ צויבערל אַליין איז אַרויס פון אָט דעם שווערן קאַמף אין זיין לעבן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן בּאַ אים אַליין נישט־ווייניקער פון צוויי צענדליק יאָרן און עפּעס דאָך פון אים אויסגעפורעמט! — האַלט ער זיך אינדיווידועל־אַריסטאָקראַטיש און צוריקגעהאַלטן. ער האָט אָבער פאַרגעניגן צו הערן וועגן זיך אָן ערנסט־פּאָזיטיוו וואָרט אויך... דאַרף מען בלויז וואַגן און אורטיילן לויט זיין איינענעם צייט־דאָקומענט... אָבער אַהערצו, מיינט שקראַפּיל, דאַרף שוין אויך צוגערעכנט־ווערן די גרויסע צאָל פון זיינע עסייען איבער דער אַר־גענטינישער ליטעראַטור —

וואָס איז אָבער געשען מיט ח׳ לעווין? אויך ער האָט מיטגעבראַכט

מיט זיך, פון יענער צייט, אַ דאָקומענט, אַ פּובליציסטישן אפילו. ער זאָגט
אָבער אפולע עדות אַפן גרויסן געראַנגל, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט מיט
זיך און מיטן צערודערטן אַרום, אין וועלכן ער האָט אַלץ געטונקען און זיך
פאַרמאָסטן נאָך אים, דעם לעצטן, קלאָר צו מאַכן, ווי אויך באַהערשעריש-
דיסציפּלינירט. איז טאַקע, אויב ער איז נישט באַזיגט געוואָרן פונעם אַרום
און איז אַפּערגעקומען פון דאָרטן אַזאַ, ווי ער איז נאָך אַצינד — אינעם
שטאַרקן טעמפּעראַמענטפולן געראַנגל פאַר גערעכטיקייט און קלאָר-
קייט, — האָט ער עס, אין אַ גרויסער מאָס, צו פאַרדאַנקען זיין אייגענער,
אייביק-שפּרודלדיקער נאַטור פון אַלט-היימישן שטייגער, וואו דער אָרע-
מער מאַסן־מענטש האָט אייביק געקעמפט, לאָז זיין—ווי אַ שטומע צונג—
נאָך אַן ערלעך און גערעכטער לעבן. זאָל ער אַליין, ח' לעווין, זאָגן און
טראַכטן פון זיך, וואָס ער וויל! אָבער ער, שקראַפּיל, מיינט, אַז טאַקע נאָר
דאָס האָט אים דערהאַלטן און האַלט אים נאָך ביז היינט אַפן שטעל.

שקראַפּיל בלייבט שטיין אַ ווײַלע. ער קוקט זיך אַרום. ס'איז שוין
זעער שפּעט. מערקווירדיק, ווי די שאָען זענען אַריבער אַזוי אומבאַמערקט.
ער שפּירט זיך אַ ביסל מיד. פון שלאָפן טראַכט ער נאָך אַלץ נישט. היינ-
טיקע נאַכט וועט שוין זיין ליל־שמורים. עס טראַכט זיך גאָר אָן שום
אָנשטרענגונג, ווי פון זיך אַליין. — ער דערמאָנט זיך אָן די ערשטע טעג,
ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אַהער און גענומען זיך-טרעפן מיט ח' לעווי-
נען. עפּעס איז ער אים נישט געפעלן געוואָרן, לעווינען, בּאַ דער ערשטער
מינוט גלייך; וואָס ווייטער, איז דער שטח צווישן זיי געוואָרן אַלץ ברייי-
טער; און הגם ער, שקראַפּיל, איז נישט אָפּגעשטאַנען, האָט ער דאָך גע-
האַלטן אין איין צוריקבאַקומען גרעסערע און קלענערע מאַנוסקריפּטן. אים
האָט גענומען ווערן די זאַך אויפפאַליק. עפּעס האָט ער דאָ געזען, אַז ס'איז
נישט בלויז דערפאַר, וואָס ח' לעווינען געפעלט נישט זיין שטייגער שרייי-
בן. דאָס אפשר און נאָך עפּעס... ערשט מיט אַ צייט שפּעטער איז פאַר
אים די זאַך אַ ביסעלע קלאָרער געוואָרן. די סיבה איז געלעגן אין ח' לע-
ווינס נאַטור גופא, אינעם צו שטאַרקן סענטימענטאַליזם אין אים, וואָס
לאָזט אים רק ניש ט— נישט געקוקט אַף זיין עקשנותדיקן ווידערשטאַנד —
זיך באַפרייען אינגאַנצן פונעם אַלט-היימישן שטייגער-געפיל. ער קומט
אַלץ אין אים צום אויסדרוק, אין שריפט, אַקוראַט ווי אין לעבן. מילא,
מיט זיך קען מען נאָך, ווי עס איז, דורכקומען. אָבער דאָ זעט ער פאַר זיך
איינעם, וואָס טראַכט גאָרנישט פון דערשטיקן אין זיך דאָס אַלט-פאַרשיי-
מלטע, וואָס פון דאָרטן. ער רייצט נאָך אין אים אַליין דאָס אייגענע און

באַמיט זיך צו דערהויבן זיין שטייגער שרייבן פון דער אַלטער היים ביז צו אַ גאַנצער טעאָריע. נו, וועט ער עס נעמען, מיט די אייגענע הענט, און העלפן יענעם צו פאַרפלאַנצן דאָס, אַנטקעגן וואָס ער טרעט אויף אַזוי ברוטאַל אַפילו בנוגע זיך גופא? —

שקראַפּיל האָט, אין יענער צייט, אַ סאַך דאַריבער געקלערט. צו־מאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז ח׳ לעווינס ערנסט און אויפריכטיקייט האָט די ווערט אַ סאַך. עס בלייבט אים נישט מער איבער, שקראַפּילן, ווי אונטערצוגעבן זיך און נעמען „שאַפן" פונעם היגן אידישן שטייגער, הגם ער אַליין זעט אים נאָך נישט און, לויט זיין מיינונג, איז ער, בכלל, אין שטערנגערן זין פון וואָרט, נאָך נישט בנמצא דאָ אַפילו.

אָבער ח׳ לעווין האָט, נאָך צוריק מיט צוואַנציק יאָר, אויסגעבויעט און באַשטימט קלאָרע פאָרמולעס פאַרן גאַנג און וואוקס פון דער היגער אי־דישער ליטעראַטור און וויל נישט מותר־זיין אַף זיי ביז היינט צו טאָג. אַקוראַט, ווי דאָס לעבן וואָלט זיך, פון תמיד אָן, נאָכגעפּרעגט אַף די פאָר־מולעס, וואָס מע האָט אים, ווען נישט איז, פּירגעשלאָגן, און נישט־גע־גאַנגען אַליין, לויט די אייגענע אייזערנע געזעצן. דאָס זעלביקע איז אויך מיט דער ליטעראַטור, וואָס וועט זיך דאָך, בזמן מן הזמנים, פון זיך אַליין אויסקריסטאַליזירן און, במילא, שוין געפינען איר צייט און אָרט באַגריף. ווען ח׳ לעווין אָבער וויל דאָס נישט נאָכגעבן און וויל טאָן דאָ אַקוראַט דאָס זעלביקע, וואָס ליטוואַקאָוו א. א. אין דער אידיש־סאָוועטישער לי־טעראַטור, וואָס פאָדערן פונעם שרייבער דורכאויס פּראָלעטאַרישע שטיי־גער־קונסט, אין דער צייט וואָס דאָס לעבן גופא האָט נאָך נישט באַווי־זן אַרויסצוברענגען דעם נייעם מענטשן מיט דער קאָלעקטיווער פּסיכיק, אַזוי צו זאָגן, און שטעקט נאָך גאַנץ טיף אין דער אַלטער פּסיכיק, אין דער אינדיווידועלער, — וועט עס זיין דאָ מיט דער ליטעראַטור אַקוראַט דאָס זעלביקע, וואָס אין ראַטנפאַרבאַנד טאַקע: — ווייטער פון בעסע־רער צי ערגערער כראָניק וועט עס נישט גיין! —

און דאָך, נישט געקוקט אַף דעם אַלעמען, האַלט מען נאָך כסדר — ווער מערער, ווער ווינציקער — געוואָנדט דעם קאָפּ צו אייראָפּע, צו זען און הערן אַקוראַט, ווי אַזוי מע באַטראַכט און וואָס מע זאָגט דאָר־טן וועגן אונז... — עס קומט איצט שקראַפּילן אַפן זכרון די צייט, ווען ח׳ לעווין איז געפאָרן קיין אייראָפּע — זיך אָפּצופרישן און אָנשעפּן מיט נייער ענערגיע פאַר ווייטערדיקער אַרבעט. מע האָט אַראַנזשירט אַ גראַנ־

דיעזן באַנקעט, געהאַלטן ריידעס, געזונגען. צום סוף האָט ה' לעווין זיך אַ ביסעלע דערוואַרעמט, וישא את משלו ויאמר:

— ער שפּירט באַ די אַקסלען מעכטיקע אָדלער־פליגל, וואָס טראָגן אים אַוועק צו דער זון!.. —

וואָס עס קומט נישט אַלץ פון איבערראַשונגן! — פאַרקערט אָבער אין דער שרייבער־משפחה איינער, אַ קאָרעקטער יונגערמאַן. ער האָט זיך, מיט אַן אמת, געהאַט אַמאָל פאַרליבט אין דער שיינער ליטעראַטור, ווי אַן אַמכאַניק, אַ שטייגער, פאַרליבט זיך אין אַ אינטעליגענטיש מיידל. ער האָט נישט אויפגעהערט דאַן צו באַשטעלן מיט איר ראַנדעוואוען אין די שפּעטע נאַכט־שאָען, נישט געפילט זיך אינגאַנצן, נישט געזען די וועלט פאַר די אויגן. אַריבער אַ שטיקל צייט. ער האָט מיט איר חתונה־געהאַט, אַריבער וואוינען אין איין דירה. אַריבער איין יאָר, דאָס אַנדערע. מע זעט נישט קיין קינד. איינער פון זיי איז דאָך געווים נישט מיט אַלעמען. איבערגענומען כל הרפואות שבעולם, באַבסקע, היינטוועלטישע, ער, זי — נישטאָ. שלעכט. מרה שחורה לייגט זיך אַפן הויז. מענטשן רייִדן שוין אין דער שטיל: — עס האַלט דערביי, דער שידוך צעגייט זיך...

מיטאַמאָל, אָ, צויבערלאַנד! וואָס פאַר אַ קינדעלע האָסטו עס צוגעשיקט פאַר אונזער עלנטן חבר! ער ווערט, ווי ניי געבוירן. קוואַלן פרישע שלאַנגדיקע האָבן זיך געעפנט אין זיין האַרץ, קוואַלן יונגע, קינדערשע — פון באַנייטער ליבע צו דער פרוי און צום קינד.ביידע זיי גיסן זיך אויף באַ אים אין איין מילד וועזן, גלעטן זיי די סטרונעס פון זיין האַרץ און כישופן אַרויס פון דאָרטן די צאַרטסטע מעלאָדיעס פון צויבערלאַנד!

און ער איז שוין גליקלעך! אַצינד באַם באַנקעט, האָט ער זיך געטאָן, מיטאַמאָל, אַ שטעל אויף אין זיין גאַנצער הויך און אויסגעשריגן:

— זאָל מען וויסן, אַז נישט ה' לעווין אַליין פאַרט איצט אַוועק פון אונז. דאָס גייט ער אין דער ברייטער וועלט אַריין, אַ באַלאָדענער מיטן גאַנצן גלאַנץ און פראַכט פון אונזער יונגער אידישער ליטעראַטור און קונסט . . .

עס האָט געפעלט דאַן איינער, גאָר אַ פּשוטער מענטש, אַ ניכטערער, ער זאָל זיך דערנענטערן און אַנדערסעניש אַ זאָג טאָן:

— דאַכט זיך, אַז דער מלך גייט, אינגאַנצן אַ נאַקעטער?! — —

שפּעטער מיט אַ צייט איז ה' לעווין געקומען צופאָרן, אַ סאַך אָפּגעצערט, אינגלש און עפּעס אַנדערש, ווי פריער. מע האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז; מע האָט גענדאַרפט וואַרטן, ביז ער וועט אַ ביסל קומען

צו זיך. ער האָט גענומען פאַרעפנטלעכן אין די „האָריזאָנטן“ לענגערע שילדערונגען פון זיין אינטערעסאַנטער רייזע. ער האָט אַלץ אַפּירגעבראַכט זעער-פּאָרזיכטיק. מע האָט געזען, ווי אַ מענטש קאָנטראָלירט זיך נישט צו זאָגן אַלץ, וואָס קומט גראָדע אונטער דער צונג, הגם עס קען זיך זיין פאַר איינעם, ווי היימיש און נאָענט... אָבער, וואָס נאָענטער (אין שרייבן) ער איז צוגעקומען צו זיין היים, צום אוקראַיינישן דאָרף און שטעטל, אַזוי נעמט ער פאַרלירן, כמעט, די אַליין אַף זיך ארויפגעצוואונגענע געבונדנקייט. עס ווערט צעוואָרעמטער דאָס לשון, האַרציקער און היימישער — די בילדער פון אַלטער היים... עס שטייט אויף פאַר אונזערע אויגן דאָס גאַנצע האַוועניש און טומלעריי פון היימיש־שטעטלשע אידן און אידענעס, וואָס פאַר אַ גאָרנישט זידן זיי אויף די לופט אַרום זיך און ציען אַריין אין זייער הבל־הבלימדיקייט דעם ווייטן אַמעריקאַנער ברודער זייערן, וואָס איז, לאָמיר זאָגן, צופעליק אַריינגעפאַלן, אַלס גאַסט, צו זיי — מוז ער שוין מיטמאַכן מיט אַלעמען דעם גאַנצן געפילדער, נאָך מיט אַ ליכטיקן שמייכל אַפן פּנים און אָן געבייזער אין האַרצן...

דער אייביקער כוח פון היימישקייט! יאָ. דאָס אַלטע שטעטל צעפאַלט, ווערט אומנאַטירלעך. בענקען צו דעם מיינט — דאָס בענקען צו פאַלשס, אומנאַטירלעכעס, צו שונד! אָבער אינעם שטעטל לעבן דאָך ברייטע מאַסן. שטענדיק, אונטער אַלע פאַרמען, האָבן שטעטלשע מאַסן געבענקט נאָך גערעכטיקייט. פאַרוואָס נישט אָנשליסן אויך היינט אונזער בענקשאַפט אָן זייערער? פאַרוואָס נישט באַזינגען זייערע ערלעכע חלומות פון אַמאָל, ווי פון היינט? דער אייביקער כוח פון היימישקייט! דער אייביקער כוח פון גערעכטיקייט! — ווייל דאָך ח׳ לעווין אַליין תמיד האָבן, אַז מאַסן פון פאַרשיידענע וועלט־טיילן האָבן, ערגעץ צווישן זיך, שטאַרק נאָענטע באַריר־פּונקטן! — און ח׳ לעווין אַליין האָט דאָך, במשך פון אַלע זיינע יאָרן פון אַרבעט, געשטעקט מיטן גאַנצן האַרצן אין די מאַסן! — —

שקראַפּיל קוקט זיך אַרום — אינדרויסן שפּראָצט שוין דער מאָרגן. אַזוי האָט ער צוגעבראַכט די נאַכט אָן רו, געטראַכט פון דעם, פון יענעם. גרינגער פון דעם אַלעמען איז אים נישט געוואָרן. עס דריקט דער זעלביקער שווערער אומעט און עלנט, ווי ביז אַהער. נישט איין נאַכט אַזאַ, וואָס ער פאַטערט אַוועק מיט גאָרנישט. באַ די איבעריקע חברים — מסתמא אויך דאָס זעלביקע. מאַטערט אַלעמען דער עלנט, לאָזט נישט רוען — ווי

אנדערע, געוויינלעכע מענטשן, רוען געווים אין דער צייט און ברעגנען, אפשר, אזויפיל נוצן דעם ארום, ווי ער און זייניקע...

...אז עס וועט אמאל, באם סוף פון דורות, אלץ ווערן אויפגעדעקט; און אפגעטאן וועט ווערן די גאנצע עובדה פונעם מענטשן; און פאר-ענטפערט וועט ווערן די גרויסע און איינציקע פראגע; און געלייזט וועט ווערן דער גרויסער און איינציקער ספק, — וועט ארומכאפן אלעמען א שרעקלעכער אומעט, ער וועט אויפפרעסן דאס לעבן. דאס וועט זיין דער סוף. אצינד אבער, נאך יעדער פארענטפערטער פראגע — א אפשיין פון דער איינציקער און גרויסער פראגע; נאך יעדן געלייזטן צווייפל — א אפשיין פונעם גרויסן און איינציקן ספק, — קומט ער גלייך, דער או-מעט — א אפשיין פונעם לעצטן שרעקלעכן אומעט, וואס דארף ערשט אמאל קומען — און ער מאטערט שוין; ער זאפט זיך איין אינעם האר-צן און זויגט אויס דאס חיות. מע אנטלויפט, יעדער איינער, פון אים אי-בעראנייס צו דער ארבעט, צו דער קונסט, צום שאפן. דאן טרעט עס איין א פרייד, א רואיקייט, א שטילקייט. אבער גלייך נאך דער ארבעט קערט ער זיך אום ווידער — נישט צו לאזן רוען...

...ח׳ צויבערל האט זיך באקערט איינגאנצן צו דער קונסט און צום דאאיקן לעבן. ער האט, מיט אן אמת, באוויזן א סאך. ער איז, ווי די גרוי-סע מאשין, פארשלינגט אפולע ברען-שטאף, ביז זי קומט און זי גע-פינט זיך שוין כסדר אין גאנג—וויל עס קומען פון איר זאכן מיט פארנעם. איר אטעם פון ארבעט איז טיף-רואיקער און איינגעצוימטער פון די זעל-טיקע פון איר מין, נאר קלענערע, וואס פארברויכן קוים א קליין ביסעלע ברען-שטאף — און לייגן שוין איין די וועלט מיט זייער טומל.

ווען ח׳ צויבערלען איז געלונגען, איז עס, אין א גרויסן טייל, דער-פאר, וואס ער האט, מיט אן אמת, איבערגעריסן אף שטענדיק מיטן פרי-ערדיקן און אלט-היימישן — אין און ארום זיך. עס האט אים שוין נישט געארט, דאריבער, דאס, וואס שפעטער איז געקומען... ער איז געגנוג רו-איק אף נישט אויסצוגעבן זיך פאר קיינעם. ער האט תמיד געוואוסט, וואס ער טוט. ער האט עס דאך געטאן — —

...האמערל איז געשטראפט מיט דעם, וואס ער צעברעכט זיין לע-בן אומזיסט. ער קען נישט זעען דעם ארום, אפילו ווי א לעבעדיק באַ-שעפעניש טוט עס. דולצינעע פונעם שטעטל, זי לאזט נישט. זיך איינגע-שטשעמעט אין זיין בלוט און פארשטעלט.

— אבער דאס אייגענע איז דאדכמעט מיט אלע אנדערע. מע וויל

נישט פאַרשטיין די קעגנוואַרט און וואוהין זי פירט — אין דער צוקונפט. די ענגאַ־בלינדע מאַניאַקישע אידייע—האַמערל—גריזשעט און לאָזט נישט עפענען די אויגן. שטאָט זיך אויפגיסן אַלע אין איין יונגן שעפערישן גלויבן, און יונגע מוטיקע זיך־באַהעפטן מיטן לעבעדיקן גלויבן פון מאַסן — ניין. פאַרדוקט זיך איטלעכער באַזונדער אין זיין עלנט ווינקל, בלויז מיט זיין הייליקן און אומבאַרירלעכן בלאָטער, וואָס ער טוט קראַצן מיט אזויפיל ליבע און פאַרגעטערונג — מיט זיין הייליק האַמערל; צו דעם פאַרשאַכערט ער טאַלאַנט, גלויבן, יוגנט. און האַמערל פרעסט צעזעצטערהייט, זויגט אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער, צעגריזשעט און שפּייט אויס אין די רווישיקע גאַסן אַרויס, וואו דאָס לעבן זינגט אַ ליד, גייט אַ גאַנג — און אַליין דרייט מען זיך אום, ווי די נעכטיקע — —

עס איז שוין אוועק אַ שטיק צייט, אַז קיינער זעט נישט האמער־לען. עס אינטערעסירט שוין נישט קיינעם אויך. נאָך אַלעמען, האָט איט־לעכער מיט זיך אַליין אַ סאַך צו טאָן. מע זעט שוין איין, אַז מיט רייד גופא טוט מען זעער־ווינציק אויף. אויב מע וועט זיך נישט אוועקזעצן אַרבעטן ערנסט איבער זיך — מעג מען שוין נעמען, אוועקלייגן די פּען פון דער האַנט — און זאָל זיך איטלעכער באַזונדער אַרויסשלאָגן דאָס משוגעת פון קאָפּ!

אין איינעם אַ טאָג האָט מען געוואוסט, אַז האמערל קערט זיך אום אַהיים, צוריק אין שטעטל אַריין. מע האָט עס געטייטשט פאַרשיידן. גע־פילט האָט זיך איטלעכער באַזונדער עפּעס, ווי מיט אים אַליין האָט עס פּאַסירט אויסטערליש... וואָס זשע — דאַרף מען זיך אויסמיידן איינס דאָס אַנדערע? — זיך באַגעגענענדיק, האָט איינער נישט, וואָס צו זאָגן דעם אַנדערן... האמערל איז אוועקגעפאָרן — נו, איז וואָס?!..

שפּעטער אַ ביסל נעמען זיך געמיטער באַרואיקן. די צינגער בינדן זיך אויף פונדאַסניי, ווי אַ שטיין באַ אַלעמען פון האַרצן אַראָפּ. מאַכט מען זיך לוסטיק. שקראַפּיל פּרוּווט זאָגן:

— האמערל . . . וואָס איז האמערל? נאָך אַלעמען — אַ מעכטיקער ווילן, אַ גרויסע פאַנטאַזיע. האָט תמיד דעם ציל פאַר זיך, איז בכוח אויפצוטאָן וואונדער. ער פאַרט איינגעמען וועלטן, זיי אוועקלייגן דערנאָך, באַגלייך מיטן האַרצן, צו די פיס פון דער געט־לעכער און בעטן באַ איר לייטזעליקייט, גענאַד... ער טרעפט אַמאָל נישט אין דער גינסטיקער שעה; די מזלות דינען נישט; ער שטויסט זיך אָן אומ־מעטום אָן דער ירידה פון שונד, באַקומט געשלאָגן. דאַן ציט ער זיך צו־ריק — איבערוואַרטן. אָבער — ער פאַרלאָזט אונז נאָך נישט, אָ, ניין. האמערל — איין קלייניקייט! ער ליגט באַהאַלטן אין איטלעכן פון אונז— דער אומשטערבלעכער האמערל! דער אומענדלעכער האמערל! ליגט ער פאַרטייעט, פאַרשפּיצט, ער וואַרט, ער בליקט — אַף דער שעה, אַף דער רגע דער אומוויררדיקער, דער פאַרפלוכטער — ער זאָל שוין קענען אַרויס־

קריכן פון אַלע אונזערע טיפּע ברונימער און פּאַרעיפּושן ווידעראַמאָל גאָטס שיינע ליכטיקע וועלט מיט זיין שרעקלעכן:

—ברע קע קע קעקסססס!... כאַ־כאַ־כאַ — עס לעבט האַמערל! כע - ע ־ ע . . .

אַלע קוקן אָן שקראַפּילן צעטומלט.

פּרוכנער האַלט נישט אויס:

— חברים! איכל אייך דערציילן פון אַ מענטשן אַ פּאַרציייטיקן, וואָס האָט געוואָלט פליען. ער האָט זיך געזעצט אַף אַ מעכטיקן אָדלער, און איבער זיין קאָפּ געהאַלטן אַ גרויס שטיק פלייש, אָנגעזעצט אַף אַ שפּיז. דאַן האָט זיך דער אָדלער געריסן צום פלייש און געפלויגן אַלץ העכער! — אַז דער מענטש האָט געוואָלט נידערן, האָט ער איבערגעדרייט די שפּיז אַף אַראָפּ. דאַן האָט זיך דער אָדלער אַלץ געריסן צום פלייש און געפלויגן אַלץ נידעריקער! — וואָס־זשע איז האַמערל? גיט אים אָפּ זיין רעכט. ער איז דער אָדלער. ער איז געפלויגן פריער אין דער הויך, אין די הימלען אריין, זעענדיק פאַר זיך כסדר די גרויסע היימישע שטיק פלייש — זיין דולצינעען — און זיך ציענדיק צו איר. איצט איז ער געפלויגן אַף אַראָפּ. לאָמיר האָפן, חברים, אַז דער מעכטיקער אָדלער האָט שוין זיינס דערגרייכט און ער וועט שוין מער קיינמאָל נישט פליען! —

און שקראַפּיל האָט נאָכגעזאָגט:

— ...„דאַן האָט זיך דער אָדלער (האַמערל מיט זיין ערב־רב) אַלץ געריסן צום פלייש און געפלויגן אַלץ נידעריקער“... איז... „לאָמיר האָפן, אַז דער מעכטיקער אָדלער האָט שוין זיינס דערגרייכט און וועט מער שוין קיינמאָל נישט פליען!“... — אַ פיינע האָפענונג! ניין. ער, שקראַפּיל, טיילט נישט מיט די איבעריקע אָט די האָפענונג. זי קען איינעם פאַרטרייבן ביז צום אָפּגרונט, יאָ. אינעם מענטשן דאַרף מען גלויבן. ער, דער מענטש, (דער אַוואַנגאַרד, די באַוואוסטזיניקע מאַסע) וועט פאַרטרייבן האַמערלען און אַליין וועט ער באַהערשן דעם אָדלער! ער, דער מענטש, וועט נישט וועלן קיינמאָל מער נידערן! ער, דער מענטש, וועט אייביק וועלן פליען העכער, צום ליכט פון די הימלען. און דאַן — וועט דער אָדלער (דאָס ערב־רב) זיך רייסן אַלץ צום פלייש און מוזן פליען — און אַף זיינע פליגל — דער מענטש (דער אַוואַנגאַרד, די באַוואוסטזיניקע מאַסע) — וועט זיך האַלטן אין איין דערהויבן אַלץ העכער און העכער! —

סאַנטיאַגאָ־דעל־עסטערא—מעדראַנאָס

יאָר 1934—1931